גליון

# באור החיים

יתנא לאור ע"י - איחוד תלמידי חסידי טאהש

פרשת חקת - תשפ"ה לפ"ק

גליון תתל"ח



הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
הרבני החסיד המפואר ר' **אהרן קרייס** שליט"א
לעילוי נשמת אביו הרה"ח ר' **יוסף שמואל** בן ר' **אהרן** ז"ל
יארצייט ביום **י"ב תמוז - ג' בלק** הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה


## באור פני מלך

פניני עבודה על פרשת השבוע


המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **אהרן פרושינובסקי** הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת נישואי בנו החתן דוד נ"י למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן


### הדרך לקנות התורה הוא ע"י מסירת נפש

**זאת חקת התורה וכו', דבר אל בני ישראל ויקחו אליך פרה אדומה וכו'.**

הוקשו בספרים הקדושים דלכאורה התיבת "זאת חקת התורה" הם מיותרים, דהיה לו לכתוב וידבר ה' אל משה ואל אהרן לאמר דבר אל בני ישראל ויקחו וגו'. וכן צריכין להבין דהלא התורה הוא נצחיות, וא"כ מה רוצה הפסוק ללמדנו כאן בפרשה זה.

ואפשר לפרש בזה דאיתא במסכת שבת (פח.) דבעת קבלת התורה כפה עליהם ההר כגיגית ואמר להם אם אתם מקבלים התורה מוטב ואם לאו שם תהא קבורתכם, והוקשו שם בתוס' אמאי צריכין לזה, הא הקדימו כבר נעשה לנשמע, והבעש"ט הק' הסביר הענין דמה שהם אמרו נעשה ונשמע, בזה קבלו על עצמם לעבוד את השי"ת רק במדרגה גבוהה כמו בעת קבלת התורה, אבל לא בעת הסתרה כשצריכין לייגע על התורה, ולזה כפה עליהם הקב"ה את הבור כגיגית, להורות דהתורה צריך להיות במסירת נפש, כמאמר חז"ל (ברכות סג:) אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה, וכן איתא במסכת עבו"ז (ה:) לעולם ישים עצמו על דברי תורה כשור לעול וכחמור למשא.

וזה רוצה הפסוק כאן להודיע לנו, זאת חקת "התורה" - הדרך לקנות התורה הוא, ויקחו אליך "פרה", דהתורה צריך להיות בבחינת פרה, כשור לעול וכחמור למשא, בדרך זה יכולין לקנות התורה.

(עבו"ע אמ"ק חקת)

### התורה ניתנה לישראל באופן שחוץ מדרך הטבע וזהו הדרך לקנותו

**ויקהילו משה ואהרן את הקהל אל פני הסלע.**

פירש"י הק' מדברי המדרש, זה אחד מן המקומות שהוחזק המיעוט את המרובה, שהיה בדרך נס, מה שכל בני ישראל יכלו לעמוד כולם על יד סלע אחד, כן היה נשמע קולו של משה אל כל ישראל בדרך נס, כי השכינה היתה מדברת מתוך גרונו.

וזה בא ללמד לאדם דעת, כי כל ענין לימוד התורה ניתנה לבני ישראל 'למעלה מדרך הטבע', לכן אף כאשר נראה לעיני האדם שאי אפשר לו לקבל עליו את עול התורה, ושבדרך הטבע אי אפשר לו לקיים את מצות ה', כי יש לו מניעות ועיכובים, מוטל עליו לזכות, כי הקב"ה נותן לו את התורה למעלה מדרך הטבע, אלא שגם האדם מצדו צריך לקבל על עצמו לקיים את התורה למעלה מטבעו ולמעלה מכחותיו, כי בני ישראל אינם נתונים תחת שלטון הטבע, ויש להם כח לעשות ענינים שהם למעלה מכוחות הגוף ולמעלה מן הטבע.

(עבו"ע פתג"ק וילך)

### העיקר עבודה הוא כשיש צד נגדיות שמתגבר עליו

**על כן יאמרו המושלים בואו חשבון.**

מובא בגמ' (ב"ב ע"ח:) על כן יאמרו המושלים זהו המושלים ביצרם, בואו ונחשוב חשבונו של עולם, הפסד מצוה כנגד שכרה ושכר עבירה

המשך בע' ד

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכ"י

**מה יפית ומה נעמת, ווי גוט און ווי זיס איז, אהבה בתענוגים, אז אין די תענוגים גשמיים געדענקט מען אהבת הבורא, און אזוי איז מען זיך מתגבר.**

(פתג"ק ח"ב רכ"ז)


המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **אשר ענזיל** בר"א **סג"ל קרויס** הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן


# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש

## פארוואס האבן די אידן נאר געדאנקט אויף די טובת הבאר און נישט אויף די עצם נס

על כן יאמר בספר מלחמות ה', את והב בסופה ואת הנחל ארנון. פרש"י הק' כשם שמספרים הנסו ים סוף, כך יש לספר הנסו נחל ארנון, שאף כאן נעשו נסים גדולים.

זענען די ספרים הק' מדקדק, פארוואס ביי די נס פון קריאת ים סוף האבן די אידישע קינדער געדארפט מתפלל זיין אז די ים זאל זיך שפאלטן, אזוי ווי עס שטייט ויצעקו בני ישראל אל ה', און משא"כ דא ביי די נסים פון נחל ארנון איז די נס געשען אן קיין שום אתערותא דלתתא און אפי' אן די ידיעה פון כלל ישראל, נאר גלייך ווען זיי זענען אנגעקומען צום שטיין, האבן זיך די בערג צוזאם געריקט, און די אמוריים זענען גע'הרג'ט געווארן.

נאך פרעגן די מפרשים, פארוואס ביי שירת הים האבן אידישע קינדער געלויבט דעם אייבערשטן אויף די ניסים פון די ים און איבוד מצרים, און דא ביי נחל ארנון האבן זיי נאר געלויבט אויף די באר, און נישט אויף די עצם נס.

נאר ס'איז מבואר אין ספה"ק קדושת לוי און אין נאך ספה"ק פון תלמידי בעש"ט, מורא'דיגע ווערטער וואס באלייכטן די אויגן, לויט ווי רש"י הק' זאגט אין פרשת בראשית, בשביל התורה שנקראת ראשית ובשביל ישראל שנקראו ראשית, דאס הייסט אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט ווייל די אידישע קינדער זאלן מקיים זיין די תורה, אזוי ווי די לשון הזוה"ק, באורייתא ברא הקב"ה עלמא ובאורייתא אתקיים עלמא, אבער פון בריאת העולם ביז קבלת התורה האט די וועלט נאך נישט געוואוסט איר תכלית פארוואס זי איז באשאפן געווארן, אזוי ווי די חז"ל זאגן (סנהדרין צז.) שית אלפי שני הוי עלמא, שני אלפים תהו, שני אלפים תורה, שני אלפים ימות המשיח. שני אלפים תהו, איז געווען ווען די בריאה האט נאך נישט געוואוסט איר תכלית פארוואס זי איז באשאפן געווארן, וועגן דעם ווערט עס אנגערופן תהו, ווייל ס'איז געווען תהו מן התורה, און ס'איז נישט געווען נרגש אין די וועלט די כח התורה.

דעריבער ביי קריאת ים סוף, וואס איז נאך געווען פאר מתן תורה, האט די ים זיך נישט געוואלט שפאלטן אין משנה זיין איר טבע, פאר די אידן, ווייל די בריאה האט נאך נישט געוואוסט אז איר תכלית איז פאר די אידן, ממילא האבן אידישע קינדער געדארפט מעורר רחמים זיין אז די ים זאל זיך שפאלטן, און ווען די טבע איז נשתנה געווארן, האבן די אידן געזינגען שירה אויף די גרויסע נס אז די טבע איז נשתנה געווארן.

אבער ביי די נס פון נחל ארנון, וואס איז שוין געווען נאך קבלת התורה, איז שוין נישט געווען קיין נס די עצם שינוי הטבע, ווייל די בריאה האט שוין מרגיש איז איר גאנצע תכלית און קיום איז דורך די אידישע קינדער, ממילא האבן זיך די בערג פון זיך אליינס זיך צוזאם געריקט.

און וועגן דעם האבן די אידן נישט געזינגען שירה אויף די עצם נס ווייל דאס איז נישט געווען אזא חידוש, און זיי האבן נאר געזינגען שירה אויף די טובת הבאר, אזוי ווי רש"י ק' איז מבאר אז די באר איז אראפ געגאנגען אין די נחל, און ארויף געברענגט פון דארט די בלוט פון די הרוגים און זרועות און אברים און ארום געפירט ארום די מחנה, כדי צו מודיע זיין פאר די אידן די ניסים וואס איז געווען מיט זיי, און אויף דעם האבן זיי געלויבט דעם אייבערשטן אז ער האט געטוען מיט זיי א חסד מיוחד אז ער האט זיי מודיע געווען די גרויסע ניסים וואס מיט דעם וועלן זיי מער מכיר זיין זיין גרויסע ליבשאפט צו זיי.

(עבו"ע פתג"ק)


באותות אהבה וחבה, ברגשי ששון ושמחה, באנו בזה מעומקא דלבא, לברך ברכת מזל טוב, לכבוד חברינו היקר, נודע לשם ולתהלה, פאר המעלות ונועם המידות, עושה חסד לאלפים, טוב ומטיב לכל, ה"ה
**החתן יעקב אלימלך קליין ני"ו**
**משב"ק כ"ק מרן רבינו שליט"א**
**לרגל שמחתו הגדולה בשמחת אידוסיו למזל טוב**
וזאת הברכה מאלקי המערכה, שתהא בנין עדי עד וקשר של קיימא, ותזכה לראות דורות ישרים ומבורכים, ונחת דקדושה והרחבת הדעת כל הימים, עדי נזכה לביאת משיח צדקינו, ומלכנו בראשינו בב"א
המברך: **יואל בינער**

# ברכת הקודש והדרכה מכ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

### מוצאי חג השבועות תשפ"ה

## קבלת התורה בימינו כבמעמד הר סיני

אחינו בני ישראל קינדער פון אייבערשטער, קינדער פון רבינו הקדוש זי"ע, איך רעד צו מיר און איך רעד צום עולם, איך רעד עס הויעך, מ'איז זיך צוזאמגעקומען מ'שטיי מיר יעצט מוצאי יום טוב שבועות, אידן האבן מקבל געווען די תורה פונדאסניי, אידן האבן איבערגעבעטן די תורה, דארף מען וויסן, אז מ'האט מקבל די תורה אזויווי ס'איז געווען ביים מעמד הר סיני.

## הגבל את ההר וקדשתו – קבלת התורה בקדושה בגדרים וסייגים

ביים מעמד הר סיני האט מען מקבל געווען די הייליגע תורה, ביים מעמד הר סיני האבן אידן געשריגן רצונינו לראות את מלכינו, מיר ווילן זעהן דעם הייליגן באשעפער, אונז גייען אויס צו זעהן, דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, יא, זייער גוט זיי ווילן זעהן, הגבל את ההר וקדשתו, מאך א גרעניץ, ההר ווייזט אויפ'ן יצר הרע, וקדשתו זיי זאלן זיך הייליגן, און אזוי קענען זיי קומען מקבל זיין די תורה.

אידן האבן איבערגעבעטן דעם יום טוב די תורה, און מקבל געווען אויף זיך מיט אן אור חדש די הייליגע תורה, מיר ווייסן דאך די תורה איז דאך א נצחיות, און משה רבינו איז א נצחיות. די זעלבע שטייט אויך אין פרשת ואתחנן פאר די עשרת הדברות, משה רבינו האט געזאגט אנכי עומד בין ה' וביניכם, איך שטיי צווישן ענק און צווישן אייבערשטען, וואס איז פשט, נישט עמד, נאר עומד, איך שטיי שטענדיג, ווייל די תורה איז א נצחיות, משה רבינו איז נצחיות, דארף מען וויסן ווען מען גייט אהיים, מיר האבן איבערגעבעטן די תורה, מיר האבן מקבל געווען די תורה, מיר זענען ריין ריין, מ'האט זיך אויסגעארבעטעט פאר'ן אייבערשטען, מ'האט זיך מקבל געווען מיט א ריינקייט, מ'האט צובראכן די נעכט און טעג פאר'ן אייבערשטען.

און כדי מ'זאל קענען צוקומען צו דעם דארף מען עס יעצט אהיימנעמען, די תורה הק' און משה רבינו איז א נצחיות, אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא, דארף א מענטש וויסן אז היינט איז דאס אויך דא, משה רבינו דער צדיק פון אויבן שטייט דא.

דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה, אן אור חדש וואס האט אונז אריינגעברענגט א נייע התחדשות, וואס קענען מיר זיך מקבל זיין, אונז דארפן זיך מקבל זיין אז די היינטיגע חכמי הדור שטעלן גדרים וסייגים, אזוי ווי דארט איז געווען הגבל את ההר, גרעניצן דעם יצר הרע, דאס זעלבע דארף יעדע מענטש גרעניצן ביי זיך און ביי זיינע קינדער און משפחה, די גאנצע שטוב דארף זיין געגרעניצט, און אזוי וקדשתו, דעמאלסט קען מען אנקומען צו קדושה וטהרה.

## מעלת הפרישה מן הגוים

ב"ה מיר וואוינען דא אין א הייליגע שטאט, די שטאט האט רביה"ק אראפגעשטעלט, און דאס איז א נצחיות, ווייל מיר האלטן אן אלע זאכן וואס ער האט געבעטן פון אונז, מיט קדושה וטהרה, מיר זענען זיך נישט מדבק אין סיי וועלכע זאך פון די גוים, מיר לויפן אוועק פון די גוים, מיר וואוינען עקסטער פון די גוים, און דאס איז מיט וואס מ'קען זיך האלטן, און דאס איז מיט וואס מיר קענען האבן א זכות אז מיר זאלן שוין זוכה זיין צום ביאת גואל, מיר ווארטן דאך בכליון עינים אויף ביאת גואל צדק, ועינינו תראינו מלכותיך כדבר האמור בשירי עוזך על ידי משיח צדקך, די אויגן זאלן זיין הייליגע אויגן, טאמער מ'זעהט ח"ו נישט גוטע זאכן, מ'קוקט ח"ו די כלים, צו מ'ברענגט עס אריין אין שטוב, צו ח"ו מ'זעהט דאס ביי א חבר, די אויגן קענען נישט זוכה זיין צו זעהן ביאת המשיח, משיח ווארט דאך אויף אויף דעם, ער וויל שוין קומען זיין דער גואל ישראל, ער איז שוין גרייט, אידן מאכן דאך אזויפיל מיט נעבעך ל"ע.

## להסיר צרת ישראל על ידי כח התורה

איך בין געווען פרייטאג אין אמעריקא ביי א ברית, איז צוגעקומען צו מיר א איד, ער איז פון די ארגענעזאציע רופא

ברגשי גיל וחדוה בלב מלא שמחה, אנו מברכים ברכת מזלא טבא וגדיא יאה, אל מול חברינו היקר ממצויייני תלמידי ישיבותינו הק', מופלא ומופלג בכל מעלות ומידות טובות, הלוא הוא

### החתן יעקב אלימלך קליין הי"ו

משב"ק כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

### בן מוה"ר יקותיאל צבי קליין הי"ו

לרגל שמחת אירוסיו למזל טוב ובשעטו"מ

### עב"ג בת מוה"ר חנוך דוד שלום ווייגנארטן הי"ו

יהא רעוא מן קדם מרן אבוהון די בשמיא וארעא, שהזיווג יעלה יפה יפה, ויהא קשר של קיימא ובנין עדי עד, ותזכה להעמיד דורות ישרים ומבורכים, על דרך הסלולה לנו מרבותינו הק' נ"ע, בורא עולם בקנין השלם זה הבנין, ואך טוב וחסד ירדפוך כל ימי חייך, עדי נזכה לביאת גוא"צ במהרה בימינו ומלכנו בראשינו אמן.

**המברכים מתוך רב שמחה, חביריך: יעקב יוסף שווארץ, ישראל מנשה לאנדאוי**

**גדול העונה יותר מן המברך: אלימלך זכרי' סאקס**

חולים, האט ער געזאגט, רבי איך וויל איך זאגן, דעם חודש זענען נעבעך 91 מענטשן אריינגעקומען פאר הילף! קען מען דאס גלייבן, דאס איז דאך א הימל געשריי, מ'דארף וויסן אידישע קינדער, מיר דארף טוען אן אתערותא דלתתא, מיר האבן געטוען טאקע ביז יעצט אויך, און יעצט מיט אן התחדשות נאכאמאל געטוען, דער אייבערשטער געבט אונז א כח מיר זאלן עס קענען טוען, מיר האבן זיך אויסגערייניגט דעם יו"ט, לאמיר זיכער מאכן צו בלייבן ווייטער ריין, לאמיר ווייזן פארן אייבערשטען אז מיר טוען אלץ וואס מיר קענען טוען, די שטוב האלט מען ריין, די תורה זאל מען זעהן אנצונעמען ווייטער, מ'זאל אנגיין ווייטער מיט די כח התורה, איך זאג עס פאר מיר, איך רעד עס נאר הויעך, מ'זאל אנגיין מיט'ן כח התורה, אין לנו שיור רק התורה הזאת.

## כח תורה ותפילה דרבים – חשיבות עבודת השי"ת בביהמ"ד

ובאו כולם בברית יחד נעשה ונשמע אמרו כאחד, מ'ליינט יעדן טאג שחרית וערבית קריאת שמע, שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, מ'איז זיך מקבל עול מלכות שמים, נעשה ונשמע אמרו אזוי ווי אחד, יעדן טאג איז א מענטש מחויב צו לייענען קריאת שמע, סיי בייטאג און סיי ביינאכט, דאס הייסט אז א איד דארף וויסן אז ער דארף עוסק זיין בתורה כאחד, ביום ובלילה שחרית וערבית, מ'זאל זיך דאס פון פריש מקבל זיין צו לערנען תורה מיט א פעסטע קביעות, די קבלה זאל מען נישט נאכלאזן בשום אופן, מ'זאל לערנען די הייליגע תורה, און קומען אין בית המדרש ברוב עם, ובאו כולם בברית יחד אלע צוזאמען בברית יחד, אז מ'לערנט מיט אן אחדות און מ'לערנט אין בית המדרש, דאס געבט א כח הרבים, דאס איז מחזק איינער דעם אנדערן, און דאס איז מחזק יעדער פאר זיין חברותא, אז מ'זעהט איינער קומען, קומט דער חבר אויך צו.

דאס איז די געוואלדיגע כח התורה, און די כח התורה טוט מגין זיין בעידנא דעסיק ביה ובעידנא דלא עסיק, יעדער איינער דארף האבן די כח התורה, זאל מען עס זעהן אנצוהאלטן מיט א קביעות, און מיר זאלן זעהן צו טון וואס די תורה פאדערט פון אונז.

## תורה בקדושה

פאר קבלת התורה האט דער אייבערשטער געפאדערט אז קבלת התורה זאל זיין בקדושה ובפרישות, דארף מען דאס ווייטער אנהאלטן, אז מיר זאלן זיך קענען האלטן בקדושה ובטהרה, ברוך שנתן תורה לעמו ישראל בקדושתו, דעמאלטס וועלן מיר קענען זוכה זיין אז אונזערע תפילות זאלן ווערן אנגענומען.

## כח תפילה בציבור

מ'זאגט דאך נאך פון צדיקים אז דוד המלך'ס יארצייט געפאלט אויס אין שבועות, צו ווייזן אז פאר מ'קומט צו די הייליגע תורה זאל מען מתפלל זיין, מ'דארף בעטן דעם אייבערשטן, איך האב שוין אפאר מאל געזאגט און איך זאג עס נאכאמאל, דוד המלך האט געזאגט רבונו של עולם, וואס וועט זיין ס'שטייט שפתותיו דובבות בקבר, מענטשן לערנען די הייליגע גמרא מ'זאגט רבי שמעון בן אלעזר האט אזוי געזאגט, רבי אבהו האט געזאגט, רבי אלעזר בן עזריה האט אזוי געזאגט, פון דוד המלך זאגט מען גארנישט נאך, האט ער געפרעגט ווי אזוי וועט קענען זיין שפתותיו דובבות.

האט דער אייבערשטער געענטפערט אז ס'וועט זיין כאילו אמרם דוד המלך בעצמו, ווען א איד וועט זאגן תהלים וועט זיין אזוי ווי דו זאגסט, און אז דוד המלך זאגט תהלים און איז פאררעכנט פאר יעדע איד וואס זאגט תהלים, די זעלבע ווען מ'שטעלט זיך דאווענען און מ'לויבט דעם אייבערשטן מיט שירות ותשבחות, זמירות יאמרו, און נאכדעם בעט מען פארן אייבערשטען קען מען צו אלעס צוקומען.

על כן זאל מען זעהן מ'זאל זיך מחזק זיין און קומען אין די בתי מדרשים בזמן, רביה"ק פלעגט צו זאגן פון אדון עולם ביז אדון עולם זאל מען קומען מיטהאלטן די תפילות, מ'זאל דאווענען געהעריג מתחלתו ועד סופו, זיין ביי די מנין באצייטענס, דער אייבערשטער זאגט, אויב א מענטש קומט נישט אין בית המדרש פרעגט מען אין הימל, ווי איז ער, פארוואס גייט ער אין די פינסטער, איך שיק אלע השפעות פון בית המדרש, פון דארט קען מען אהיימנעמען אלע השפעות, מיר גלייבן, מיר האבן געגלייבט, מיר וועלן ווייטער גלייבן באמונה שלימה, אונז האבן געהאט ב"ה ווער ס'האט אונז אויסגעלערנט א דרך אין עבודת השם, און מיר וועלן ווייטער אנגיין מיט דעם דרך, און מ'וועט ווייטער אנגיין מיט די כח התורה, און זיך האלטן ריין אזוי ווי מיר האבן זיך אויסגערייניגט יעצט יו"ט.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן קענען זוכה זיין גרינגערהייט ווייטער דינען דעם באשעפער בתורה ובעבודה בקדושה ובטהרה, ביז מיר וועלן זוכה זיין בקרוב צו ביאת גואל צדק, און ביז דעמאלטס זאל יעדער געהאלפן ווערן מיט אלעם גוטן ברוחניות ובגשמיות, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן.

המשך מע' א

כנגד הפסדה. הם עושים חשבון לראות דטוב יותר לעבוד השי"ת דמקבלים שכר גדול, וקשה על זאת דהא הם "מושלים ביצרם", ועושים כל דבר רק לשם שמים, א"כ היאך יכול להיות דהם עושים חשבונות, דטוב יותר לעבוד השי"ת דמקבלים שכר טובא, הא הם עובדים שלא על מנת לקבל פרס.

ויש לתרץ דהעיקר חשיבות המצוה הוא, אם יש צד נגדיות, א"כ המושלים ביצרם, הם מושלים כולו לשם ואין להם צד נגדיות כלל, דהם נקי מכל נסיונות ופניות, ע"כ עשאו חשבון דטוב לעשות רצון השי"ת דמקבל שכר גדול, א"כ יהא להם נגיעה מצד עצמם לעבוד את השי"ת כדי לקבל שכר, ואעפ"כ מתגבר על עצמם לעבוד את השי"ת בלתי לה' לבדו, וזה יהיה נחת רוח גדול להשי"ת.

(עבו"ע אמ"ק לך לך)

# א תורה אויף די פרשה

### זאת חקת התורה.

רש"י זאגט אז די פרה אדומה איז א חק בלי טעם, קען מען זאגן א טעם פארוואס דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו 'לעולם היא נקראת על שמך פרה שעשה משה במדבר', ווייל באמת איז דער פרה אדומה א כפרה אויפן עגל, אבער דאס איז נישט שייך פאר משה וועלכער איז דאן געווען אין הימל, דעריבער ווערט עס ביי אים באטראכט ווי א חק בלי טעם.

דאס איז פשט אז די פרה אדומה וועט גערעכענט ווערן אויף זיין נאמען, ווייל וועגן אים טראגט עס דעם נאמען חק.

(הרה"ק מוהר"י מבעלזא זצ"ל)

### זאת חקת התורה אשר צוה ה' לאמור.

דער הייליגער רבי חיים וויטאל זי"ע ברענגט, אז מיט יעדן ווארט וואס א מענטש זאגט ארויס, גייט אוועק פון זיין חיות, חוץ ווען מ'רעדט דברי תורה, איז פונקט פארקערט, אז מיט יעדן ווארט ווערט פארמערט חיות.

דאס קען מען מרמז זיין דא אין פסוק, 'זאת חוקת התורה', גאר א פלא'דיגע זאך זעהט מען ביי תורה, אז דורכ'ן לערנען געט מען גאר צו שכר פארוואס, ווייל אשר צוה ה' 'לאמור', ווייל תורה האט דער אייבערשטער געהייסן זאגן, ווייל מ'איז מיט דעם מקיים דעם רצון ה', און וועגן דעם ווערט פארמערט דאס לעבן.

(נחל קדומים)

*

מקען מפרש זיין דעם פסוק מיט א שיין משל. עס איז געווען אמאל א עושר וואס האט זיך געוואלט משדך זיין מיטן רב פון שטאט. ער האט גענומען א שדכן, דער שדכן האט טאקע אויסגעפירט דעם שידוך, נאך דעם שידוך האט דער עושר באמערקט אז דער רב וויל נישט רעדן צו אים. האט ער געפרעגט דעם שדכן פארוואס די מחותן וויל נישט רעדן צו אים, האט אים דער שדכן מסביר געווען דאס אז דער רב וויל נישט רעדן צו דיר איז פארשטענדליך, אבער אז דער שידוך איז געשעהן דאס איז נישט פארשטענדליך...

די זעלבע קען זיין דא, דאס אז מיר פארשטייען נישט די תורה דאס איז פארשטענדליך, נאר דאס אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן אזא הייליגע תורה, דאס איז נישט פארשטענדליך, דאס זאגט דער פסוק 'זאת חוקת התורה', עס איז א חק בלי טעם, אז 'אשר צוה ה' לאמור', אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן אזא הייליגע תורה.

(המגיד מדובנא ז"ל)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

### אשר צוה ה' לאמור.

רש"י ברענגט אין פרשת צו, אז דארט וואו ס'האנדלט זיך אין א חסרון כיס, דארף דער פסוק זאגן א לשון זירוז, אז מ'זאל טון די מצוה אפילו עס איז פארבינדן מיט געלט שאדן. וועגן דעם, זאגט דא דער פסוק א לשון זירוז, מרמז צו זיין אויף דעם וואס חז"ל דערציילן איבער די גרויסע פרייזן וואס מ'האט זיך געלאזט קאסטן פאר די פרה אדומה.

ביי אזא פאל דארף דער פסוק מזרז זיין אשר 'צוה' ה', אז מ'זאל זיך נישט רעכענען דערמיט און אפקויפן די פרה אדומה, אפי' פאר אסאך געלט.

(חסד לאברהם)

### זאת חוקת התורה וגו' ויקחו אליך פרה אדומה.

עס ווערט געברענגט א רמז אז וועגן דעם שטייט זאת חוקת 'התורה', ווייל די מצוה פון פרה אדומה איז די זעלבע ווי מצות לימוד התורה, ביי לימוד התורה שטייט זכה נעשית לו סם החיים לא זכה נעשית לו סם המות. אויך ביי די פרה אדומה איז 'מטהרה טמאים ומטמא טהורים'.

(הרה"ק ר"ר דוד מלעלוב זצ"ל)

### זאת התורה אדם כי ימות באוהל.

ווען הרה"ק ר' שמחה בונם מ'פשיסחא זצ"ל האט געהאלטן פאר זיין פטירה, האט זיין רעביצין געוויינט צו אים איבער זיין שווערע מצב, האט זיך ר' שמחה בונם אנגערופן צו איר, 'וואס וויינסטו? א גאנץ לעבן גרייט איך מיך שוין אויף דעם טאג, ווי אזוי איך וועל שטארבן'.

דאס קען זיין פשט אין פסוק, 'זאת חוקת התורה', דאס דארף זיך א מענטש גרייטן זיין גאנץ לעבן, 'אדם כי ימות', אז ס'קומט אמאל א צייט וואס א מענטש דארף אוועקגיין פון די וועלט.

(הגאון מקוטנא ז"ל)

בחדוה ושמחה רבה, באנו בזה לשגר כוס של ברכה, סל מלא ברכות ומעלות, להאי בחור כהלכה, אוצר כלי חמדה, אשרי שלו ככה, בקרב לבנו צמודים וקשורים, מוכתר בכל תואר, אהוב ומכובד על כל יודעיו ומכיריו, ה"ה

## החתן יעקב אלימלך קליין נ"י

### משב"ק אצל כ"ק מרן רבינו שליט"א

### לרגל שמחתו הגדולה בשמחת אירוסיו למזל טוב

ויהא רעוא שתהא בנין עדי עד והזיווג יעלה יפה יפה, בורא עולם בקנין השלם זה הבנין, ותזכה לבנות בית נאמן בישראל, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ומצות לשמה, על דרך רבותיה"ק זי"ע המסורה לנו מדור דור, עד ביאת גואל צדק ומלכנו בראשינו בב"א.

כה דברי השמחים בשמחתיך:

ר' דוד הערשקאוויטש, ר' נפתלי עסטרייכער, ר' רפאל שימאנאוויטש, ר' משה יואל וויינבערגער, ר' ישראל אליעזר אייזנער, ר' ישראל אהרן צוויבל, ר' חיים נחום מערמעלשטיין, ר' משה אליעזר פרושינובסקי, ר' משה לייב קרויס, ר' נפתלי שלמה ברייער, ר' נח ווייס, ר' ברוך ארי' פויגעל, ר' יודא דוד סאפרין, ר' אשר ענזיל קרויס, ר' ראובן ראטטענבערג

אחרון אחרון חביב חבריך היקר: ר' יצחק ווייס

# אמעשה אויף די פרשה

## ולקח אזוב.

הרה"ק רבי יששכר דוב מ'בעלזא זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדריקט, אז עס איז דא [ וואס מיינען אז דער הייליגער רבי ר' הירש מ'רימנוב זי"ע האט נישט געקענט לערנען, אבער איך וועל פארציילן א מעשה און דערמיט אויפווייזן דעם אמת.

איינמאל האט זיך דער איידעם פון ר"ר הערש גע'חלומ'ט ווי ער איז נפטר געווארן און איז ארויף צום בי"ד של מעלה, און באמערקט ווי דער עולם לויפט צו עפעס א ריכטונג. ווען ער האט איינעם אפגעשטעלט פרעגן ווי מען לויפט, האט מען אים געזאגט, אז עס איז נישט יעצט קיין צייט צו ענטפערן, נאר קום שנעל מיט אונז וועסטו שוין אלעס זעהן. ווען ער איז אנגעקומען צום היכל צו ווי יעדער איז געלאפן, האט ער געזעהן ווי אויבן-אן זיצט זיין שווער הרה"ק ר"ר הערש און פירט טיש.

ווען ס'איז אנגעקומען די צייט צו זאגן תורה, האט זיין שווער זיך געשטעלט, פארוואס אויף די ווערטער 'ולקח אזוב' איז דער טראפ 'קדמא ואזלא', ווייל דער אזוב קומט מכניע צו זיין דעם מענטש, וואס צוצוקומען דערצו דארף מען גערענקן 'קדמא' פון וואו דער מענטש קומט, 'ואזלא' און וואו דער מענטש גייט, דעריבער איז דא דערויף דער טראפ.

ווען ער האט זיך אויפגעוועקט און באמערקט אז דאס איז נאר געווען א חלום, האט ער זיך זייער געוואונדערט און איז גלייך געלאפן אין בית המדרש דערציילן פאר אלע חסידים וואס ער האט געזעהן די נאכט אין חלום.

ווען די חסידים האבן עס געהערט האט מען מחליט געווען אז מ'זאלווארטן ביז שבת און הערן וועלכע תורה ר"ר הערש וועט זאגן די וואך, און אינטערעסאנט איז געווען אז ר"ר הערש האט געזאגט די זעלבע תורה וואס זיי האבן געהערט אינמיטן די וואך פונעם איידעם. ווען ר"ר הירש האט באמערקט ווי די חסידים וואונדערן זיך האט די איידעם געזאגט פאר ר"ר הערש אז ער האט זיי פארציילט די תורה וואס ער האט געזעהן אינמיטן די וואך.

האט זיך ר"ר הערש אנגערופן, 'וואס איז די פלא? כ'האב נאך קיינמאל נישט געזאגט דברי תורה וואס מ'האט נישט פריער צוגעשטימט דערצו פון הימל'.

און אויף דעם האט הרה"ק מבעלזא זי"ע אויסגעפירט אז דאס איז געווען א רבי וואס האט 'נישט' געקענט לערנען...

*

## קח את המטה.

אין די שטאט וואלאזשין ווי עס האבן געוואוינט אסאך מתנגדים זענען געווען א גרופע לומדים און ארומגעשמועסט דעם חילוק צווישן די חסידישע רבי'ס און די ראשי ישיבות. זיי האבן געשמועסט פון די רבי'ס לעבן אז זיי האבן פון אלעם גוטן, בשעת די ראשי ישיבות לערנען תורה מתוך הדחק און האבן נישט מיט וואס איבערצולעבן דעם טאג.

בשעת זיי האבן געשמועסט איז געזיצן נעבן זיי דער הייליגער נצי"ב און ער האט זיי געוואלט בארואיגן, האט ער זיך אנגערופן, פאר זיי, 'דאס איז נישט קיין היינטיגער פראבלעם, דאס איז שוין א אלטע פראבלעם, מ'טרעפט שוין אין די תורה אז אהרן הכהן איז געגאנגען אנגעטון מיט הערליכע גאלדענע קליידער, און משא"כ זיין ברידער משה רבינו, דער יסוד פון תורה, איז געגאנגען נאר מיט זיין שטעקן'.



# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

## בארה של מרים

איינער פון די אייניקלעך פון הרה"צ ר' יעקב פיש מ'קאלוב דערציילט נאך פון זיין זיידע, אז איינמאל ערב יום הקדוש פארנאכטס, ווען די עולם איז שוין געווען אין שוהל אנגעטון אין די קיטלעך, איבערגעדעקט מיט די טליתים, און געזאגט תפלת זכה, איז הרה"ק ר' אייזיק'ל קאלוב'ער זי"ע צוגעקומען צו ר' יעקב און געזאגט, "שפאנט איין פערד און וואגן וועל איך פארן שפאצירן", עס איז געווען זייער אינטערעסאנט פאר ר' יעקב, אבער אז די רבי הייסט פאלגט מען, ער איז גלייך אהיימגעגאנגען, און שנעלערהייט איינגעשפאנט זיין פערד און וואגן פאר'ן רבי'ן, און די היליגע קאלוב'ער זי"ע איז ארויף אויפן וואגן צוזאמען מיט ר' יעקב, און זיי זענען צוזאמען ארויסגעפארן פון שטאט, און צוגעפארן צו די פעלדער פון ר' יעקב, ערגעץ אינמיטן די פעלדער האבן זיי געטראפן א קליין וואסער'ל, און ר' אייזיק'ל האט זיך אויסגעטון די קליידער און אריין געגאנגען אין די וואסער זיך טובל'ען, און ער האט זיך גע'טובל'ט זייער אסאך.

ר' יעקב האט זיך זייער געוואונדערט ווייל ער געדענקט נישט אז דארט זאל בכלל זיין א וואסער, איז ווי איז יעצט אנגעקומען דארט דעם וואסער, און וואס איז אזוי ספעציעל פון דעם וואסער, אז ר' אייזיק'ל האט געדארפט אריינכאפן שנעל פאר יום הקדוש זיך צו טובל'ען אין דעם.

ווען די קאלובער האט זיך געענדיגט טובל'ען איז ער צוריק ארויסגעקומען פון די וואסער און זיך צוריק אנגעטון זיינע קליידער און צוריק ארויף אויפ'ן וואגן, און זיי זענען צוריק געפארן צום בית הכנסת, און ר' אייזיק'ל איז צוגעגאנגען צום עמוד, און אנגעפאנגען כל נדרי.

מוצאי יום הקדוש האט ר' יעקב צוריק געפארן צו זיינע פעלדער, און ער איז געגאנגען אויפזוכן דעם קליינעם וואסער, ווי ר' אייזיק'ל האט זיך גע'טובל'ט, אבער צו זיין וואונדער איז נישט געווען דארט קיין שום וואסער.

פארוואונדערהייט איז ער אריין געגאנגען אל הקודש פנימה, און ער האט געפרעגט פונעם רבי'ן וואס איז געווען די טייך, און פארוואס ער האט זיך דארטן גע'טובל'ט, האט ר' אייזיקל אים געענטפערט, "רבי יעקב האט קיין שכל געהאט זיך אויך טובל צו זיין, בארה של מרים איז דעמאלט דורך געגאנגען, האב איך מיך טובל געווען".

*

צדיקים האבן געזאגט אז די הייליגע אר"י הקדוש האט זיכער געגעבן צו טרינקען פאר רבי חיים וויטאל פון די בארה של מרים, און מיט אט די כוחות, און אינאיינעם מיט זיין הויכע נשמה און מיט די כח פון די אר"י הקדוש, האט רבי חיים וויטאל געקענט מקבל זיין אזוי סאך, ווייל באמת איז א פלא אז אין בלויז 2 יאר וואס די אר"י הקדוש האט געלערנט מיט ר' חיים וויטאל האט רבי חיים וויטאל קונה געווען און אפגעשריבן די אלע גרויסע ענינים ורמים וואס שטייען אין די כתבי האר"י ז"ל.

*

עס איז באקאנט די מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט ביי רביה"ק זי"ע, אז די שוועסטער הרבנית לייפער ע"ה האט אלס מיידל זיך איינמאל נישט גוט געפילט, זי האט געהאט האלדז ווי, איז זי צוגעגאנגען צו איר הייליגע ברודער רביה"ק זי"ע, וואס איז נאך דעמאלס געווען א בחור, און די רבי האט איר געזאגט אז מוצאי שב"ק גייט ער איר קענען העלפן, ווען עס איז געקומען מוצאי שבת, האט די רבי גענומען א שמאטע און ארויס געגאנגען אינדרויסן, און נאך א שטיק צייט צוריק געקומען, און איר געזאגט אז ער האט עס יעצט גע'טובל'ט אין בארה של מרים, און דאס גייט זיין איר רפואה, און זי זאל עס לייגן ארום איר האלדז, און זי גייט ווערן אויסגעהיילט. וכך הוה.


ובמקהלות רבבות, יחד כולם הודו בשירי ידידות, בקול נעים ארנן בזמירות, אמע"כ חברינו, מזמור שיר למנצח בנגינות, שמך אכבד בשירי ידידות, מלא מדע וחכמה בתורה ובעבודה ובחסידות, מכבד את ה' מגרונו בתמידות, בקול רם ובתוף וכנור יזמרו זמירות הלא הוא

מוה"ר **יוסף בנציון וועבערמאן** הי"ו

לרגל שמחת תגלחת בנו למז"ט

יקום פרקן מן שמיא, שתזכה לראות בנים ובני בנים עוסקין בתורה ובמצות לשמה, וישפע להם משמי מעל רב חיי"א ורב חינ"א ורב חסד"א ברוב סייעתא דשמיא ואך טוב וחסד עדי נזכה בקרוב שיולכינו כ"ק מרן רבינו שליט"א לקראת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

**המברכים: חברי מקהלת המנגנים**



ובמקהלות רבבות, יחד כולם הודו בשירי ידידות, בקול נעים ארנן בזמירות, אמע"כ חברינו, מזמור שיר למנצח בנגינות, שמך אכבד בשירי ידידות, מלא מדע וחכמה בתורה ובעבודה ובחסידות, מכבד את ה' מגרונם בתמידות, בקול רם ובתוף וכנור יזמרו זמירות, הלא הוא

מוה"ר **חנוך דוד שלום וויינגארטן** הי"ו

לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב

עב"ג החתן **יעקב אלימלך קליין** ני"ו למז"ט

משב"ק אצל כ"ק מרן רבינו שליט"א

יקום פרקן מן שמיא, שתזכו לראות בנים ובני בנים עוסקין בתורה ובמצוות לשמה, וישפע להם משמי מעל רב חיי"א ורב חינ"א ורב חסד"א ברוב סייעתא דשמיא ואך טוב וחסד עדי נזכה בקרוב שיולכינו כ"ק מרן רבינו שליט"א לקראת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

**המברכים: חברי מקהלות המנגנים**



**זמירות שירות ותשבחות**

מעומק הלב פנימה, בשפה ברורה ובנעימה, ברכת מזלא טבא וגדיא יאה נריע, וכל ברכאן דלעילא ותתא נביע, מתוך שובע שמחות ובלב מלא ברכות, מזלא טבא עולות, במיטב הלשונות, ממללא מילא, שבח יקר וגדולה, מעומקא דליבא, ברגשות הומים, אל מול ידידי היקר באהבים, מוכתר במידות מוזהבים, זוכה לעמוד לימין כ"ק מרן רבינו שליט"א, עוסק בצרכי ציבור באמונה, ולא נידד מעיניו שינה, מוכתר בהילולים ותוארים, שמו מפארים, ה"ה

החתן **יעקב אלימלך קליין** ני"ו

בן מוה"ר **יקותיאל צבי** הי"ו

לרגל שמחת אירוסיו בשעטו"מ למזל טוב

עב"ג מוה"ר **חנוך דוד שלום וויינגארטן** הי"ו

יהא רעווא מן קדם אבוהון דבשמיא וארעא, שהזיווג יעלה יפה יפה, והבית בהבנותו תזכה לראותו על אדני התורה והמסורה ע"ד הסלולא לנו מרביה"ק זי"ע, מתוך אושר ועושר ושמחות לרוב ותרוה רב נחת דקדושה ושובע שמחות מכל יוצ"ח תמיד וסייעתא דשמיא בכל הענינים, ואך טוב וחסד ירדפוך כל ימי חייך, עדי נזכה לקבל פני משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

המברך בלב מלא שמחה

**חבירך הנאמן הב' דוד ברנש"ז הערשקאוויטש**

# הלכות זומער

## בדיקת תולעים

**אריינפיר**

אזוי ווי מיר געפונען זיך יעצט אין די חדשים פונעם זומער, וואס במשך די חדשים טרעפן זיך אין פארשידענע פרוכט און גרינצייג, ווערים, און מילבין, אויך פליען ארום אין די לופט פארשידענע ערליי קליינע פליגן, און מען קען חלילה לייכט נכשל ווערן אין די איסור פון "אכילת תולעים", דעריבער האבן מיר געשריבן בעזהי"ת, פארשידענע וויכטיגע הלכות, און פראקטישע אנווייזונגען וויאזוי זיך צו היטן נישט נכשל צו ווערן אין דעם הארבן איסור פון תולעים.

### א
### שאלה: ווי איז די מקור פונעם איסור צו עסן ווערים, פליגן, און אנדערע שרצים?

**תשובה:** שטייט אין תורה הקדושה פרשת שמיני "אל תשקצו את נפשותיכם בכל שרץ השורץ וגו', ולא תטמאו בהם ונטמתם בם", איר זאלט נישט פאר מיאוס'ן ענקער נפש מיטן עסן סיי וואס פאר א קריכעדיגע באשעפעניש, און איר זאלט אייך נישט מטמא זיין דורך זיי, ווייל דורכדעם וועט איר טמא ווערן.

אין די פסוקים האט די תורה איבער געחזר'ט עטליכע מאל די איסור פון עסן שרצים, דאס קומט אונז לערנען אז ווער עס עסט אפילו נאר איין ווארעם, איז עובר אויף עטליכע לאווין, און עס ווערט צוטיילט אין דריי סארטן שרצים, ווי פאלגענד:

### 1. שרץ המים

אויף יעדע שרץ וואס געפונט זיך אין וואסער, ווי למשל וואסער ווערים, אדער נישט כשר'ע פיש, א.ד.ג., איז מען עובר פיר לאווין.

### 2. שרץ הארץ

אויף יעדע שרץ וואס קריכט, אויף די ערד, אדער אין א פרוכט, און אין גרינצייג א.ד.ג., ווי למשל מורישקעס, ווערים, טריפס, עיפעידס א.ד.ג., איז מען עובר פינף

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

לאווין.

### 3. שרץ העוף

אויף יעדע שרץ וואס פליט, ווי למשל פליגן, בינען, מאסקיטאס א.ד.ג., איז מען עובר זעקס לאווין.

דער הייליגע חיד"א שרייבט: "איך האב אמאל געהערט פון הרב החסיד הר"ר גדליא חיון זלה"ה, אז ער האט זיך אויסגעדריקט מיט ווייטאג, "א מענטש קען אין עטליכע סקונדעס מחויב ווערן מיט 50 לאווין, דורכן עסן א מאכל וואס האט אין זיך 10 ווערים, און ער האט פון די ווערים בכלל נישט קיין הנאה, און ער ווייסט אפילו נישט אז ער האט דאס געגעסן (ספר לב דוד).

* דער בן איש חי (פרשת צו סכ"ז) ברענגט א מעשה, אז א חכם איז אריין אין א חצר ערב פסח, און ער האט געזען ווי די בעל הבית שטייט לעבן צוויי קארב מיט לעטוס, און איז זיי בודק פון ווערים מיט אן אייליניש, האט זיך דער חכם אנגערופן, אפשר ווייסט איר וויפיל האר עס געפונט זיך אין אייער קאפ, האט דער בעל הבית געענטפערט, איך האב עס קיינמאל נישט געציילט, און איך ווייס נישט צי מען קען דאס ציילן, האט זיך דער חכם אנגערופן, די האר פון קאפ קען מען יא ציילן, אבער וויפיל מלקות מען וועט ווערן מחויב דורך עסן די לעטוס וואס איר האט יעצט געקליבן, דאס וועט מען זיכער נישט קענען ציילן, האט דער בעה"ב זיך אנטשולדיגט, וואס זאל איך טאן איך האב א גרויסע משפחה, און מען דארף אסאך לעטוס, האט דער חכם געענטפערט, די תשובה וועט אייך נישט העלפן ביים יום הדין.

ווי פאסיג זענען די ווערטער, ווען מיר טרעטן אריין אינעם זומער, וואס במשכ'ן דעם זומער עסט מען פארשידענע ערליי פרוכט און גרינצייג, וואס עס איז מצוי אין זיי ווערים, אויך פליען ארום פארשידענע ערליי פליגן, און מען דארף זייער אכטונג געבן אז מען זאל חלילה נישט ארויס גיין פונעם זומער מיט אזוי פול מלקות, וואס מען זאל זיי נישט קענען ציילן.

דער ספר פלא יועץ (ערך בדיקה) שרייבט מיט דעם לשון: דער מכשול פון עסן ווערים איז זייער גרויס, און די ספרים הקדושים האלטן אין איין שרייען דערויף א צעקה גדולה ומרה, יעדע אידיש קינד ווייסט זיך צו היטן פון עסן נבילות וטריפות, און כל שכן חזיר פלייש, אפילו מען וועט אים געבן די גאנצע געלט און זילבער פון די וועלט, און אפילו מען וועט אים צווינגען צו עסן וועט ער ענדערש ליידן ביטערע יסורים און פייניגען, און ער וועט נישט מטמא זיין דאס מויל, כאטש וואס דער וואס עסט נבילה וטריפה אדער חזיר פלייש, איז עובר נאר איין לאו, אבער ווען איינער עסט חלילה נאר איין ווארים איז ער עובר פינף לאווין, קומט אויס אז ווער עס עסט פרוכט אדער גרינצייג וואס עס קען זיין אין זיי ווערים, אן קיין בדיקה, קען עובר זיין און עסן אין עטליכע מינוט הונדערטער ווערים, און עובר זיין הונדערטער לאווין אן קיין שום הנאה, און מען דארף דאס אנזאגן פאר יעדן איד, ווייל די אידישע קינדער זענען הייליג, און זיי ווילן חלילה נישט נכשל ווערן מיט אזעלכע הארבע עבירות.

דעריבער דארף יעדער אנזאגן פאר זיין בני בית אז זיי זאלן גוט בודק זיין יעדע זאך וואס קען האבן ווערים, און מען זאל נישט עסן קיין שום זאך וואס קען זיין ווערעמיג, ביז ווען מען וועט דאס קודם אויף שניידן און אזוי בודק זיין, און אויך זאל מען אכטונג געבן אין טעג פון זומער וואס עס פליען ארום פארשידענע פליגן, מאסקיטאס, אין אנדערע שרצים, און זיי קענען אריינפאלן אין עסענווארג, אדער אין געטראנק אום וויסענדיג.

### ב
### שאלה: שטייט אין די תורה אין די אויבן דערמאנטע פסוקים, אז ווער עס עסט ווערים "ונטמתם בם", וועט טמא ווערן דורכדעם, לכאורה וואלט געדארפט שטיין

## „ונטמאתם" בם, א לשון פון טומאה, און נישט „ונטמתם" וואס איז א לשון פון פארשטאפן?

**תשובה:** די גמרא זאגט (יומא ל"ט ע"א) אז „ונטמתם" איז א לשון פון „טמטום הלב", די תורה וויל אונז לערנען מיט דעם, אז אויסער די פולע לאוין וואס מען איז עובר ווען מען עסט ווערים, ווערט דאס הארץ פארשטאפט, און מען פארלירט די ריינע הארץ.

איבער דעם ליגט א פליכט אויף די עלטערן אכטונג צו געבן און מחנך זיין די קינדער אז זיי זאלן חלילה נישט נכשל ווערן און עסן אזעלכע מאכלים וואס האבן אין זיך ווערים, ווייל דאס קען זיי חלילה שאטן זייער גאנץ לעבן.

עס איז באקאנט וואס דער הייליגער בני יששכר שרייבט אין זיין ספר אגרא דכלה, אז אסאך גרויסע קינדער מיט גוטע מדות, זענען אוועק געפאלן ווען זיי זענען עלטער געווארן, ווייל זייערע עלטערן האבן נישט אכטונג געגעבן אויף זיי אלץ קינד, וואס זיי עסן.

* עס ווערט דערציילט פון א פרוי וואס האט געהאט ניין זין תלמידי חכמים מופלגים, און איינער פון זיי כאטש ער האט געהאט א גוטן קאפ, און אויפגעכאפט יעדע זאך, אבער א שטיקל גמרא א.ד.ג. איז אים נישט אריין אין קאפ, ווען ז' האט זיך אויסגעוויינט פאר רבי עקיבא איגר זי"ע, האט ער געענטפערט אז עס מוז זיין אז אלץ קינד האט ער געגעסן א מאכל אסור, און צוליב דעם כאפט ער נישט אויף דברי תורה, די מאמע האט זיך דערמאנט אז אלץ קינד איז ער טאקע נכשל געווארן מיט מאכלות אסורות.

* עס איז אויך כדאי צו דערמאנען וואס דער דגל מחנה אפרים זי"ע שרייבט, אז ער האט געהערט פון זיין הייליגן זיידע דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע, אז אמאל האבן זיך געוואנדן א חברה צום הייליגן רמב"ם מיט א שאלה, פון ווי איז דער מקור אין די תורה צו תחיית המתים, זיי האבן געזוכט אין נישט געטראפן, די שאלה האט זייער אויפגעברויזט דעם רמב"ם, און ער האט זיי נישט געוואלט ענטפערן, ער האט געבעטן פון א שרייבער אז ער זאל זיי ענטפערן ווי פאלגענד: פון אייער שאלה דערקענט זיך אז ענק האבן זיך אפגעקערט פון די ריכטיגע וועג, און דאס איז ביי מיר זיכער אז דאס איז געקומען צו ענק ווייל איר האט געגעסן מאכלות אסורות, און דאס האט אייך פארשטאפט אלע ערליכע געפילן, און עס איז ביי מיר זיכער אז עטץ וועטס האבן א ביטערן סוף, און דער דגל מחנה אפרים פירט אויס, אז עס איז ליידער אזוי געווען, אז די אלע זענען אפגעפארן רח"ל.

שטייט אין ספר ערוגת הבושם אז א מענטש קען אריינפאלן אין שאול תחתית רח"ל, נאר צוליב איין פיצעלע ווארים.

## ג
## שאלה: פארוואס טאקע האט די תורה אזוי הארב געמאכט, די איסור פון ווערים, אז מען איז עובר אויף איין ווארים אזויפיל לאוין?

**תשובה:** עס איז כדאי אראפ צו ברענגען די ווערטער וואס דער הייליגער פרי חדש (יו"ד סי' פ"ד) שרייבט: איך קען מיך נישט צוריק האלטן פון צו דערמאנען און אנזאגן די הארבקייט פון די איסור „אכילת תולעים", ווייל איך זעה אז מענטשן נעמען עס אויף זייער לייכט, און עס איז געווארן ביים עולם ווי א היתר גמור, און מען נעמט עס נישט אן ערנסט, און די הלכה איז אז ווער עס עסט סיי וואס פאר א קריכעדיגע ווארים, איז חייב אויף יעדע ווארים 5 מאל מלקות, [5 מאל 39 = 195 קלעפ] און אויב מען עסט א פליעדיגע שרץ, ווי א פליג אדער מאסקיטא א.ד.ג. איז מען חייב 6 מאל מלקות [6 מאל 39 = 234 קלעפ].

און דער פרי חדש פירט אויס: און וועגן דעם האט דער אייבערשטער אזוי שטארק הארב געמאכט די שטראף פון עסן ווערים, וויבאלד דער איסור פון ווערים איז שייך ביי פרוכט, גרינצייג, און אלע ערליי בונדלעך, און אין רוב מאכלים, און עס איז שווער אכטונג צו געבן אין דעם נאר מיט א שטארקע זהירות, איבער דעם האט די תורה אזוי הארב געמאכט דעם איסור, כדי מען זאל וויסן אכטונג צו געבן אין דעם.

## ד
## שאלה: וואס איז די עצה נישט נכשל צו ווערן אין עסן ווערים?

**תשובה:** דער חכמת אדם שרייבט: עס איז גלייך אז יעדער מענטש זאל פארן עסן אדער טרינקען, אריינקוקן אין די עסענווארג אדער אין די געטראנק, צי עס איז נישט אריינגעפאלן דערין א פליג אדער א ווארים, און דורכדעם וועט ער ניצול ווערן פון די ווערים, און ער פירט אויס:


בית הוראה
דקהל אור החיים ד'טאהש
נתייסדה ע"י כ"ק מרן רביה"ק זי"ע | בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

**וויכטיגע דערמאנונג**

אין די יעצטיגע זומער וואכן שפירן מיר פאר וויכטיג צו דערמאנען
און מעורר זיין די חשוב'ע נשים צדקניות אז

**עס איז נישט אויסגעהאלטן**
**פאר פרויען און ערוואקסענע מיידלעך**

**צו גיין אין גאס מיט א לאנגע דאסטער**
(שטוב קלייד)

דאס איז די לשון וואס רביה"ק זי"ע האט געזאגט
ביי איינע פון די דרשות פאר פרויען

**"מיט לאנגע דאסטערס טאר מען בשום אופן נישט ארויס גיין פון הויז דאס איז פריצות"**

דער אויבערשטער זאל העלפן אז אין זכות פון היטן און מחזק זיין די גדרי הצניעות, זאלן מיר זוכה זיין אז די שכינה זאל רוען צווישן אונז, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו, ומלכינו בראשינו, בב"א.

**בית הוראה דקהל אור החיים דטאהש**

אז איך קען עדות זאגן אויף מיר, אז איך בין אסאך מאל ניצול געווארן פון ווערים דורכדעם, געלויבט איז השי"ת (חכמת אדם כלל ל"ח ס"כ).

### ה

### שאלה: עס זענען דא וואס זאגן אז היינטיגע צייטן איז נישט שייך דער חיוב פון בודק זיין ווערים, וויבאלד מען באשפריצט די פעלדער ביים וואקסן מיט א געוויסע כעמישע סם, וואס לאזן נישט צו עס זאל קומען ווערים, איז דאס ריכטיג?

**תשובה:** עס איז אמת אז דאס באשפריצן די פעלדער טוען רעדוצירן די פולע ווערים פון די געוויקסן, אבער די מציאות איז אז דאס רעדוצירט נישט אלע ווערים, און מען קען טרעפן ווערים אפילו מען באשפריצט די פעלדער וועגן עטליכע סיבות ווי פאלגענד:

1. נישט אלע פארמערס באשפריצן, און נישט אלע פרוכט ווערן באשפריצט.
2. דאס באשפריצן הרג'ט נישט אלע סארט ווערים.
3. דאס באשפריצן העלפט נאר אויף גרעסערע ווערים, וואס שעדיגן די פרוכט, און נישט אויף גאנץ קליינע ווערים.
4. עס זענען דא ווערים וואס שטארבן דורכן באשפריצן, אבער זיי בלייבן אנגעקלעבט אויף די פרוכט אדער גרינצייג.
5. אסאך פרוכט ווערן ווערעמיג ביים אימפארטירן, אדער ביים סטאריטשן, עס ווענדט זיך ווי עס ליגט, און ווי אזוי זיי ווערן איינגעפאקט.
6. פארפוילטע פרוכט זענען גורם ווערים פאר די פירות און גרינצייג וואס געפונען זיך לעבן זיי, כאטש מען האט זיי באשפריצט.

דעריבער ליגט אויף יעדן א חיוב בודק צו זיין אלע ערליי פרוכט, גרינצייג, ניס, און אלע מאכלים, וואס עס איז מעגליך אז עס איז ווערמיג אדער מילביג.

**המשך יבוא אי"ה**



# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיהדה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבינו העטרת צבי מ'זידיטשוב זי"ע

*דעם קומענדיגן מאנטאג בלק, י"א תמוז הבעל"ט, געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגער עטרת צבי פון זידיטשוב, דער שר בית הזוהר, רבינו צבי הירש בן הרה"ק רבי יצחק אייזיק זי"ע.*

### ואלה מתולדותיו

דער הייליגער עטרת צבי, דער שר בית הזוהר זי"ע, איז געבוירן געווארן אין יאר תקכ"ג, אינעם דערפל סאפרין. זייענדיג נאך א יונג קינד פלעגן שוין די גרויסע השגות שלאגן ווארצלען, ווען ער פלעגט טעגליך לערנען 7 דפים גמרא, און ער פלעגט דאס יעדן טאג איבערחזר'ן 7 מאל, אזוי ארום האט ער געענדיגט 7 מאל ש"ס יעדע יאר.

דער עטרת צבי האט זיך קונה געווען דער טיטעל "שר בית הזוהר". וויבאלד ער פלעגט דורכאויס זיין גאנץ לעבן עוסק זיין אין תורת הנסתר און אין תורת הקבלה, און אזוי אויך זיין גאנצע אויפפירונג בדרכי עבודת ה', איז געווען געבויעט אויפן דרך הקבלה.

צדיקים פלעגן זאגן אז זה"ר איז ראשי תיבות ר'בי ה'ערשעל'ע ז'ידיטשובער.

דער עטרת צבי האט זיך מסתופף געווען צווישן די צדיקים: החוזה מלובלין, רבי ברוך ממעזיבוז, המגיד הק' מקאזניץ, רבי משה לייב מסאסוב, רבי משה מפשעווארסק, רבי מענדל'ע מרימנוב, רבי אברהם יהושע העשיל מאפטא, זכותם יגן עלינו.

אין יאר תקצ"א האט זיך פארשפרייט א שרעקליכע מגיפה, און אסאך אידן זענען דאן ליידער אוועק. דער עטרת צבי האט גענומען אויף זיך די גזר מיתה, און אין י"א תמוז תקצ"א, איז ער נסתלק געווארן, און דערמיט אפגעשטעלט די מגיפה.

דער עטרת צבי האט איבערגעלאזט נאך זיין פטירה אסאך כתבי קודש, און פון דעם איז שפעטער געדריקט געווארן די הייליגע ספרים: עטרת צבי על הזוה"ק, צבי לצדיק על תיקו"ז, פרי קודש הילולים, בית ישראל, סור מרע ועשה טוב.

אין די ספרים זענען געדריקט הסכמות וואס גדולי וצדיקי דורו האבן געשריבן אויף זיינע ספרים, ווי אלע לויבן אויס די גרויסקייט און הייליגקייט פונעם עטרת צבי מיט הפלא'דיגע לשונות.

### ובקרב קדושים תתהלל

דער הייליגער רבי יהודה צבי פון ראזלא זי"ע האט אמאל געזאגט אויפן עטרת צבי: "זיין כח אין קבלה קען איך אויך באווייזן, אבער זיין הייליגע פארכטיגקייט פארן באשעפער, דאס קען איך נישט נאכמאכן".

נאך האט דער הייליגער רבי יהודה צבי פון ראזלא געזאגט: "איך בין מעיד אויף מיין שווער, דער עטרת צבי, אז עס איז נישט פארהאנען אפילו איין פסוק אין גאנץ תנ"ך וואס ער האט נישט מחדש געווען רזין דאורייתא"...

דער עטרת צבי, פלעגט פארלערנען פאר זיינע תלמידים 6 שעה טיפזיניגע פלפולים, וואס א מענטשליכער מוח קען נישט פארשטיין, און די תלמידים זענען געזיצן ארום אים און געדארפט אנכאפן זייערע קעפ צו קענען פארשטיין דעם שיעור וואס דער עטרת צבי לערנט פאר...

דער הייליגער רבי אייזיק'ל קאמארנא'ר זי"ע שרייבט איבער רבו המובהק דער עטרת צבי ווי פאלגענד: "איך האב זעלבסט געזעהן מיט מיין אויגן דעם פנים פון מורי דודי רבינו צבי, ווי זיין פנים האט געפלאמט ווי דער זון אינמיטן טאג,



און מיט זיין הייליג שיין האט ער נאך מכבה געווען גלגל חמה, דאס האב איך זוכה געווען איינמאל צו זעהן"...

*

## די הייליגע ספרים פונעם עטרת צבי

דער הייליגער ייטב לב האט אמאל אנגעוויזן אויף איינע פון זיינע ספרים שענק, און האט געזאגט: "זאלט איר וויסן אז אין הייליגן ספר עטרת צבי איז דא מער תוכן ווי פון די אלע ספרים"!!

עס איז מקובל ביי חסידים אז די ספרים פונעם הייליגן עטרת צבי זענען א סגולה פאר אלע ענינים. דער עטרת צבי פלעגט שטענדיג צו געבן פאר זיינע חסידים אלטס סגולה און רפואה פאר פארשידענע ענינים, קונטרסים פון זיינע דברי תורה, און דרושים וסודות התורה.

*

## ווער נאך קען מתקן זיין נשמות

רביה"ק זי"ע פארציילט אין עבו"ע שיח"ק (ח"א עמוד שפ"ז):

דער הייליגער עטרת צבי זי"ע האט הארט בעפאר זיין פטירה זיך צו-וויינט, ווען זיינע נאנטע האבן אים געפרעגט די סיבה פארוואס ער וויינט, האט דער עטרת צבי זיי געענטפערט, "איך זארג זיך אויב עס איז דא נאך איינער אויף די וועלט וואס קען מתקן זיין נשמות אזוי ווי איך האב מתקן געווען". נאכדעם האט ער זיך בארואיגט זאגנדיג אז ער האט געטראפן דעם סטרעטענער זי"ע, וואס ער קען אויך מתקן זיין נשמות.

*

## די אייז קאלטע – ווארימע מקוה

יעדע חצות פלעגט דער עטרת צבי אופשטיין, גיין ברעכן די אייז, און פלעגט זיך שטעלן צווישן די אייזיגע וואסער, און דארטן פלעגט ער שעות אויף שעות לערנען די ספר הזוהר, און אזוי אויך זאגן תהילים.

עס איז געווען א תקופה וואס די דאקטוירים פונעם עטרת צבי האבן אים נישט געלאזט זיך טובל'ן אין קאלט וואסער צוליב זיין געזונט-צושטאנד, און עס האט זיך געגרעניצט מיט מסירות נפש, מען האט געהאט געשטעלט דער הייליגער זרע קודש פון ראפשיץ זי"ע זאל רעדן צום עטרת צבי, אז ער זאל זיך נישט גיין טובל'ן, אבער פארטאגס ווען דער זרע קודש איז אנגעקומען צום הויז פונעם עטרת צבי, איז ער שוין געווען ביים טייך זיך טובל'ן.

דער זרע קודש איז באלד אריבערגעגאנגען צום טייך, און ער האט גערעדט צום עטרת צבי איבער די שעדליכקייט פון אייזיגע וואסער אין זיין מצב, האט דער עטרת צבי געזאגט צום זרע קודש, לייג אריין די הענט אין וואסער, דער זרע קודש האט אריינגעלייגט זיין הענט אין די וואסער, און געשפירט אז עס איז ווארימע וואסער, ווי דער עטרת צבי האט ווארעם געמאכט די קאלטע וואסער אין די פראסטיגע ווינטער טעג דורך יחודים קדושים, כדי ער זאל זיך קענען מקדש זיין בעפארן לערנען זיינע שיעורים און מחדש זיין דברי תורה ורזין דאורייתא.

*

## ציון המצויינת

דער הייליגער דברי יחזקאל פון שינאווא זי"ע האט אמאל געזאגט, "ווער עס וואוינט אין חוץ לארץ, אדער אויב האט ער נישט געקענט זיין אין מירון אויף ל"ג בעומר, זאל ער זיין אין דעם יומא דהילולא קדישא י"א תמוז אין זידיטשוב, דאן וועט ער מרגיש זיין א טעם מעין פון דעם טעם אין מירון ביי רבי שמעון בר יוחאי.

*

**מיר ווילן די וואך מסיים זיין מיט ברכת הקודש וואס רביה"ק האט געוואונטשן נאכן רעדן פונעם הייליגן עטרת צבי:**

זכות בעל ההילולא יגן בעדינו, שיהיה לנו שבוע מבורך בכל טוב, א געבענטשטע וואך און א געבענטשטע זוממער, ולא יהא קל בעיניכם זכותו של בעל ההילולא, העטרת צבי, כי זכותו גדול ונורא מאוד, ומגין בעד כלל ישראל בכל דור ודור, זיין זכות איז נישט איינפאך, נישט איינפאך, כי כל ימי חייו מסר נפשו לה', וזכות מסירות נפשו עומדת לנו.

**זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**

# לוח היארצייטן



יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| י"א תמוז | הרה"ק רבינו צבי הירש בן רבי יצחק אייזיק זי"ע - מ'זידיטשוב - עטרת צבי | תקצ"א |
| ט"ו תמוז | הרה"ק רבינו חיים בן עטר ב"ר משה זי"ע - בעל האור החיים הק' | תק"ג |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| י"ב תמוז | הרב החסיד ר' יוסף שמואל בן ר' אהרן ע"ה קרויס | תשע"ב | ביה"ח ניו דזערסי (קאסאן) |
| י"ב תמוז | הרב החסיד ר' יעקב צבי בן ר' משה שמואל דוד ע"ה וויינגארטן | תשפ"ב | ביה"ח דקריתינו הקדושה |

ארייַנצושיקן בריוון צום עדור מאנ"ש לאנ"ש
שיקט א בריוו
11 Van Buren Dr. Unit 305
Monroe, NY 10950
שיקט א פעקס
845.230.6884
לאזט א מעסעדזש אויפן קול איחוד
718.451.8674 Ext. 841

## שוין געזעהן א ישועה!

א גוט יאר אלע חשוב'ע אנשי שלומינו. מען שטייט נאך אונטערן רושם פון די גאר געהויבענע נסיעה וואס אנשי שלומינו האבן זוכה געווען מיטצולעבן, אין שפיץ פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, א מסע הקודש צום עיר האבות טאהש אונגארן, איך האב געוואלט דא מיטטיילן א מורא'דיגע ישועה וואס איך האב אליינס מיטגעהאלטן, א גרויסע ישועה וואס מען האט ב"ה גע'פועל'ט ביים ציון הק' פונעם הייליגן שרף זי"ע, היי יאר, כ"ח סיון תשפ"ה.

א יונגערמאן וואס איז מיטגעקומען צום נסיעה האט מיר פארציילט, אז ער האט א ידיד, א יונגערמאן וואס האט צוטון ל"ע מיט די הארץ, ער האט געהאט א הארץ אטאקע א שטיק צייט צוריק, און לעצטנס האט ער געדארפט ווארטן פאר א הארץ טרענספלענט, מען האט געדארפט אריינלייגן אין אים א אנדערע הארץ, כדי ער זאל ווייטער קענען לעבן, אבער מען האט נישט געטראפן קיין מענטש מיט די ריכטיגע פאסיגע הארץ, וואס זאל שטומען מיט זיין בלוט.

זייט פסח תשפ"ה ליגט שוין דער יונגערמאן נעבעך אין שפיטאל, שוין איבער צוויי חדשים, וואס די מצב איז נאר געווארן שווערער, און שפעטער האט שוין די יונגערמאן געדארפט אויך האבן א לעבער טרענספלענט. בקיצור די מצב איז געווען זייער שווער.

פארציילט מיר דער יונגערמאן וואס איז מיטגעפארן צום נסיעה, אז ער האט במשך די נסיעה שטארק אינזין געהאט זיין חבר, דער יונגערמאן אין שפיטאל, ובפרט ביים ציון הקדוש פונעם הייליגן שרף זי"ע ווי מען איז געווען בעצם יומא דהילולא קדישא, ווי ער האט געלייגט א קוויטל, ס'זאל זיין א ספעציעלע זכות פאר דער יונגערמאן, און ער האט אים גאר שטארק אינזין געהאט.

היינט שטייי מיר דא מאנטאג פר' חקת, נאך וויניגער ווי א וואך פון די יארצייט, און ברוך השם מען האלט שוין נאך די טרענספלענט וואס איז ב"ה אדורך מיט גרויס הצלחה!, סיי פון די הארץ און סיי פון די לעבער, און ברוך השם דער יונגערמאן ערהוילט זיך, און דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

הצלחה רבה

מ.י.ש.

## רגשי התפעלות פונעם מסע הקודש

לכבוד גליון באור החיים דחסידי טאהש.

שטייענדיג עטליכע טעג נאך די מסע הקודש פון רבי'ן שליט"א קיין טאהש אונגארן, וויל איך דא אראפגעבן מיינע קורצע שטריכן פונעם געהויבענע נסיעה.

אלס איינער וואס גיבט זיך אפ מיט PRODCTION און האט שוין מסדר געווען צענדליגע נסיעות פאר פילע גרויסע חסידיש'ע הויפן, וויל איך ארויסגעבן מיינע געפילן פון מיין קוק ווינקל, די ספעציעלקייט פון די פארגאנגענע נסיעה וואס האט מיך געברענגט אראפצושרייבן די פאלגענדע שורות.

צום ערשט מיז איך ארויסברענגען מיין התפעלות פון די ארגאנאזירער פון די נסיעה, מו"ה אהרן שווארץ הי"ו און מו"ה יואל אלחנן פאפלאנאש הי"ו, וואס האבן מיט אזא רואיגקייט אראפגעשטעלט דעם גאנצן פלאן מיט אלע דעטאלן, בפרט איז דאס צום באוואונדערן ווען אלעס איז צושטאנד געקומען אין אזא קורצע צייט.

עקסטער מוז איך ארויסברענגען די געניטקייט פון דער איש האשכולות ר' אהרן שווארץ הי"ו, וואס בשעת'ן פלאנירן האב איך געזעהן אז מ'רעדט מיט א מענטש וואס ער ווייסט וואס ער וויל, נישט ווי געווענליך ביי אזוינע נסיעות וואס מ'האלט אינאיין ארומטוישען, און ער האט אינזינען געהאט אלע פרטים און פונקטליך געוויסט וואס עס פעלט זיך אויס, וואס דאס האט מיר צוגעגעבן אסאך ישוב הדעת צו קענען אהערשטעלן דעם פראיעקט.

בנוסף צום דעם מוז איך ארויסגעבן מיינע הרגשים פון די גאנצע עצם נסיעה, ווייל זייענדיג א ארגאנאזירער פאר איך געווענליך נישט מיט צו די נסיעות און איך האלט עס נישט פאקטיש מיט, נאר איך האב שוין מיינע שליחים וואס קומען אראפ ארבעטן אויפן פלאץ, און איך האב מיך טאקע פון אנהייב-אן זיך אויסגענומען אז איך וועל נישט זיין דארט פערזענליך, אבער קומענדיג נענטער צו די נסיעה האב איך געשפירט אז דא קומט עפעס עקסטער, און ס'האט מיר מורא'דיג געצויגן דארט צו זיין און מיטהאלטן די מעמדים, און איך האב מיך נישט געקענט..




איך בין צוגעוואוינט ביי אנדערע נסיעות אז דער עולם איז אפגעמאטערט, און ממילא קומט אויס אז מ'קומט כסדר משך די נסיעה מיט טענות, אז דאס איז נישט געווען גוט, דאס האט געפעלט, יענץ האט געפעלט, אבער דא איז די גאנצע נסיעה צוגעגאנגען מיט א געוואלדיגע שמחת החיים און מיט א רואיגקייט וואס איז געווען אויסגעגאסן אויף יעדנ'ס פנים, ס'האט זיך בכלל נישט אנגעזעהן אז מ'האלט נאכ'ן נישט שלאפן אין קיין בעט, יעדער האט אלעס מיטגעהאלטן מיט א ערנסקייט.

עקסטער בין איך נתרגש געווארן פון די הימלישע אטמאספערע וואס האט געהערשט משך די גאנצע נסיעה, ובפרט ביי די מעמד ביים גערטל מיט די הכנסת ספר תורה, יעדער האט מיטגעהאלטן די מעמד מיט א ערנסקייט, אזאנס האב איך נאכנישט געזעהן, מ'האט ממש געקענט טאפן די הייליגקייט אין די לופטן, אנדערש ווי געוועונליך ביי נסיעות וואס דער עולם איז צופארען, דער קריכט אהער דער קריכט אהין, איז דא יעדער געשטאנען אויף זיין באשטימטע פלאץ און מיטגעהאלטען פון אנהייב ביזן סוף, און אפילו איך, וואס איך האב נישט קיין ספעציעלע שייכות מיט טאהש, בין איך אויך נתעורר געווארן פון די הייליגע מעמד, און די זעלבע מיינע מיטארבעטער, אלע האבן באוואונדערט די ווארעמקייט און התעוררות ביים ציבור.

א עקסטערע אנעקדאט איז געווען, אז געוועונליך ווען ישיבה בחורים זענען ביי א נסיעה, מיינט עס אטאמאטיש אז יעדע גלעזל נאכן ניצן באקומט זיין מקום אויפן פלאר וכדו', און ביים עסן לויפט מען כאפן די ערשטע וכו', אבער דא איז עס אינגאנצען נישט געווען אזוי, נאר איבעראל אין יעדע ריד האט געהערשט א ערנסקייט און פארשטאנד, אז מ'איז געקומען צו עפעס העכער'ס.

דאס דאווענען פארטאגס אינעם גרויסן שאטער מוז איך עקסטער ארויסברענגען אז דאס האט מיך מורא'דיג באנומען, די ערנסטקייט פונעם עולם ביים דאווענען גייט מיר נישט ארויס פון די ביינער, על אף וואס כ'האב נישט געהאט די מעגליכקייט צו זיין פון אנהייב דאווענען, אבער וואס כ'האב געזעהן איז געווען גענוג צו שפירן די כח פון א טאהש'ער דאווענען...

און ווי געשריבן אויבן, געוועונליך האלט איך נישט מיט ביי די נסיעות די אלע מעמדים, איך טוה מיין דזשאב אויף וואס מ'האט מיך געדינגען און דאס איז עס, אבער דא איז יעדע מעמד פאר זיך געווען א עקסטערע איבערלעבעניש וואס כ'האב נישט געוואלט פארפאסן, און ממש נישט געקענט אוועקגיין, אלעס האט געצויגן צו העכערקייט און צו התעלות, אפילו די לחיים נאכן דאווענען האב איך מיטגעהאלטן, און די רבי'ס דברות קודש ווי יעדער איז געזיצן מיט א רואיג'קייט נאך א גאנצע נאכט פון תהלים זאגן און אויפזיין, דאס אלעס האט מיך ארויסגעברענגט פון די כלים, און איך וויל ארויסגעבן מיינע הרגשים, א גאסט אויף א ווייל זעהט א מייל, אשריכם ומה טוב חלקיכם אז עטץ געהערטס צו אזא פלאץ.

ידידכם

אברהם ווילנער מבית זאקופנה

בסיעתא דשמיא

עש"ק קרח תשפ"ה

די וויטערדיגע

# פארשריט

## 8 אויפגעבויט די "מזרח טרעפ" צו די העכערע שטאקן



דערמיט איז געווארן פריי דער אלטער ארייגאנג נעבן די טרעילאר צו די אויבערשטע שטאקן, און ערמעגליכט צו אויפבויען די ווייבערשול פלאטפארמע.

## 9 דאר פון אלטע עלעקטריק רום עלימינירט פאר'ן נייעם וועג צום גמ"ח און בית הוראה







## 10 עזרת נשים שטאק אויפגעבויט!







נאכן אויפברעכן די נייע וועג ארויף, איז ערמעגליכט געווארן דאס אויפבויען די פלאטפארמע פאר'ן שטאק פון עזרת נשים

## 11 די "פענסטער" פארן אויף אייראפעישע ראודס!

קומענדיגע וואך הייבט מען אי"ה אן צו "וואטערפרופן" די ווענט, אזוי אז ווען די פענסטערס קומען אן זאל מען עס קענען גלייך אינסטאלירן

די פרעכטיגע פענסטערס האבן זיך אויפגעהאלטן צוליב א פראבלעם מיט די גאר הויכע 45% "טאריפס" וואס איז יעצט דא אויף אייראפע. אצינד האט מען ב"ה אויסגעארבעט אז ס'זאל צוערשט פארן מיט "טראקס" צו די UK, וואס פון דארט קיין אמעריקא איז נאר דא 25% טאריף. אצינד פארן זיי שוין אויף די אייראפעישע הייוועי'ס...

מיט די יעצטיגע מצב איז מען גרייט צו גיין פאראויס ביז'ן סוף אי"ה! אויסער געלט איז שוין אלעס אין שוואונג, און אויך מיט געלט ווערט ב"ה גרויסע פארשריט, דער ציבור רופט זיך אן ווארעם איינער נאכן אנדערן! כן יעזור ה' להלאה.

בסיעתא דשמיא

עש"ק קרח תשפ"ה

די וויטערדיגע

# פארשריט

## 7 געלונגענער "גמר המשכן מסיבה" אפגעראכטן בבית מד"ה שמחה מייראוויטש הי"ו לעצטן ג' במדבר

### פאנטאסטישע $100,000 ארייגעקומען פון משתתפים מיט אלגעמיינע זכותים פאר'ן "גמר המשכן" בשעת די מסיבה! וויטערדיגע טעמפער צו גרייכן יעדנס שותפות









חבר הנהלת הביהמ"ד הר"ר יוסף חיים סג"ל קרויס הי"ו דעקט אויף היסטאריע, שילדערנדיג פון יאר תש"ס, ווען די הנהלת הביהמ"ד איז אראפגעפארן צו אן אסיפה ביים הייליגן רבי'ן ז"ל אין קרית טאהש, און דאן איז כ"ק דער רבי שליט"א אריין צום טאטן פרעגן וועגן אפקויפן דאס פלאץ פאר א ביהמ"ד, און **דער רבי ז"ל האט געענטפערט: "עס זאל זיין שיין גרויס, כאטש 200 פערזאנען זאלן דאוונען, מיט א 'גאלארי' פאר אן עזרת נשים!"**

יעצט ווערט דאס מקויים! עס ווערט א גרויסע שיינע פלאץ בעז"ה!

**הגאון הדומ"ץ שליט"א טרעט אויף מיט שטארקע דיבורים און בעט יעדן יחיד זיך משתתף צו זיין אלס שותף אינעם בנין בית מקדש מעט!**

יו"ר הרב מאיר מרדכי בערקאוויטש הי"ו דערציילט וואס ער האט געהערט ביים "שבת המייסדים" פאר מוסדות טאהש איבער ניו יארק, אז דער רבי שליט"א האט דארט דערמאנט ביים נאמען דוקא "קרית יואל", זאגנדיג אז ווען מ'האט געפרעגט דעם טאטן ז"ל פארוואס ער וויל א ביהמ"ד אין קרית יואל? האט רבינו הקדוש געענטפערט: "איך וויל אז מיינע תלמידים זאלן זיך דארט צוזאמהאלטן, לערנען און דאווענען און דינען דעם אויבערשטן"!

**אין א סורפרייז טעלעפאן רוף מבית רבינו! כ"ק מרן רבינו שליט"א איז משמיע דורכ'ן הוקאפ: "ס'איז א געוואלדיגע נחת רוח פאר'ן טאטן ז"ל, אזא מקום מקדש! יעדער זאל האבן א חלק"**

**בידינו הדבר!**

**דער בנין וועט בעז"ה פארענדיגט ווערן כלול בהדרו דורך דעם וואס יעדער וועט האבן די זכי' צו כאפן א זכות אינעם מקום קדוש, צו פאראייביגן זיין נאמען לעד ולנצח, און לכה"פ וועט יעדער זיין א שותף מיט איין שטיין, זכות אבן $5,000.**

# הלמאה פרטית

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון ♦ וקול שמחה ♦ קול חתן ♦ וקול כלה

ברוב שבח והודאה להשי"ת ובלב מלא שמחה
מתכבדים אנו בזה להזמין את קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
כמר **לוי יצחק** נ"י

עב"ג הכלה הבתולה המהוללה
מרת **צפורה חוה** תחי'
בת האה"ח נחמה בריינדל ע"ה

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום א' לסדר "מה טובו אהליך יעקב" (בלק)
י' לחודש תמוז שנת תשפ"ה לפ"ק הבעל"ט
(ולמספרם July 6)

קבלת פנים בשעה 6:00
והחופה בשעה 7:00

באולם בית רחל פאראדייס
5 Israel Zupnick Drive, Monroe NY 10950

ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבנו גם אנו
ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

הורי החתן
**אליי קרויס וב"ב**
מאנסי נ.י. יצ"ו

הורי הכלה
**משה שמואל סאמעט וב"ב**
קרית יואל יצ"ו

---

בעזרת השם יתברך

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה
ברוב שבח והודאה להשי"ת ובלב מלא שמחה מתכבדים אנו להזמין את כבודכם
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים ה"ה

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
**משה יודא** נ"י

ר

עב"ג הכלה הבתולה המהוללה
**פערל טאבא** תחי'

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ד' לסדר "מה טובו אהליך יעקב משכנתיך ישראל" (בלק)
י"ג תמוז תשפ"ה לפ"ק (ולמספרם July 9)
קבלת פנים בשעה 6:30 והחופה בשעה 7:30

באולם עטרת מאיר צבי
38 Bnei Yoel Drive, Highland Mills, New York 10930

ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

הורי החתן
יעקב יוסף ראטמאן וב"ב
מאנסי יצ"ו

הורי הכלה
אלימלך סג"ל קרויס וב"ב
קרית יואל יצ"ו

---

פ

בעזרת השם יתברך
נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו

**קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה**

בשבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין את קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
**דוד** ני"ו

עב"ג הכלה הבתולה המהוללה
**יהודית** תחי'

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ג' לסדר "מה טובו אהליך יעקב"
אור ליום י"ב תמוז שנת תשפ"ה לפ"ק
(ולמספרם July 8)

קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00

באולם עטרת חיי שרה
106 S Madison Ave, Spring Valley, NY 10977

וביום שמחתכם ישמח לבנו גם אנו בעז"ה
ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

הורי החתן
אהרן פרושינובסקי וב"ב
קרית טאהש יצ"ו

הורי הכלה
משה אהרן קרויס וב"ב
מאנסי יצ"ו

---

אל מעלת כבוד חברינו
וידידינו הנאמנים, אנשי
שלומינו תלמידי וחסידי
כ"ק מרן רבינו הקדוש
זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן
רבינו שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם**
**לבוא ולהשתתף**
**ולהתעלס באהובים בעת**
**שמחת נישואי צאצאינו**
**היקרים, בזמן ובמקום**
**המוגבל הנ"ל, ובעזרת**
**השם בעת שמחתכם**
**ומועדיכם ישמח לבנו גם**
**אנו.**

המחותנים

---

אריינצולייגן
אייער הזמנה
ביטע רופט
אריין צום
מערכת
**718.451.8674**
עקסטענטשן
840


ביהמ"ד זכרון אוהל אלימלך ד'טאהש
מאנסי, ניו יארק
נתייסדה ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
146 Maple Ave. (corner Decatur) Spring Valley, NY
בעזהשי"ת
שישו ושמחו בשמחת התורה
בלב מלא שמחה וביותרת הכבוד
הננו בזה להזמין את מעלת כבוד מתפללי ובאי בית מדרשינו ואנ"ש היקרים
לשמוח בשמחת התורה אצל מעמד
סיום סדר נשים
שנלמד זה רבות בשנים אצל השיעור בבית מדרשינו כל לילה
ע"י הרה"ג דומ"ץ דקהילינו שליט"א
עם סעודת הילולא קדישא
של רבינו חיים ז' עטר בן רבי משה זיעועכי"א
האור החיים הקדוש
אשר יתקיים ברוב פאר והדר בשבת אחים – בהיכל בית מדרשינו
יום ה' פרשת בלק | אול"י ט"ו תמוז
מעריב בזמן בשעה 9:42 – ותיכף אח"כ נט"י לסעודה רחבה
ישמעו ממשנתו ותהלוכרתו של בעל ההילולא
ועניני סיום לכבוד התורה ולומדיה
ויה"ר שתורתינו הק' יהיה מגנא ומצלא לכל ההוגים בה בעידנא דעסיק ובעידנא דלא עסיק, וזכות מרן בעל ההילולא יגן עלינו ועל כל ישראל להוושע בדבר ישועה ורחמים אמן
תורתינו הק' הוא חיינו
הנהלת הבית המדרש


מיר זענען געטריי, פאר זייער געטריישאפט!
אלע איינוואוינער זענען פאראייניגט און גרייט פאר טעג פון הכרת הטוב און געטריישאפט
א קאמפיין פון געטריישאפט!


מיר זענען געטריי, פאר זייער געטריישאפט!
איבערגעגעבענע חברים וואלונטירן העלפן דעם ציבור מיט א געטריישאפט יעדן איינציגסטן טאג פונעם יאר
א קאמפיין פון געטריישאפט!


בס"ד
חבורת מזון הנפש
מזון הנפש
זכרון יהושע שלום
ברוכים הבאים
פאר די צענדליגער נייע לומדים און נבחנים, בהתחלת מסכת עבודה זרה
באפט אייך מיט מי'ן באן
און אינאייטועסן זייט נהנה פון די פיל פירושים און ידיעות, בהלכה ואגדה
קומענדיגע בחינה וועט אי"ה פארקומען
יום א' בלק
איזהו חכם? הרואה את הנולד
בברכת התורה:
חבורת מזון הנפש


באורך נראה אור
הרה"ח ר'
אהרן קרויס
הי"ו
שהשתתף בעין יפה בסכום גדול ונכבד להחזקת התלמוד תורה
אשרי לו ואשרי חלקו שזכה לרכוש זכות האדיר והנשגב
זכות נר למאור
לחודש תמוז
לעילוי נשמת אביו
הרה"ח ר' יוסף שמואל ב"ר אהרן ע"ה
יארצייט י"ב תמוז
הנהלת תלמוד תורה


ביהמ"ד זכרון אוהל אלימלך ד'טאהש
מאנסי, ניו יארק
נתייסדה ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
146 Maple Ave. (corner Decatur) Spring Valley, NY
בעזהשי"ת
זמני תפילת שב"ק
בבית מדרשינו
לימות הקיץ תשפ"ה לפ"ק
מנחה ערש"ק
35 מינוט אחר זמן הדלה"נ
תהלים שב"ק בבוקר
בשעה 7:30
שחרית
בשעה 9:45 ברכות, 10:00 הודו
שיעור אחצ"ה בהל' שבת - שעה לפני תפילת מנחה
ואח"כ שיעור בפרקי אבות
מנחה וס"ג
30 מינוט אחר זמן הדלה"נ
בברכת שבתא טבא, הנהלת הבית המדרש

# הונדערטער אנ"ש מיטגעלעבט דערהויבענע מסע הקודש צום עיר האבות טאהש - אונגארן

אנשי שלומינו פון אומעטום זענען נאך אלס אונטער'ן טיפן איינדרוק פונעם זעלטענעם געהויבענעם מסע הקודש וואס דער מנהיג העדה הקדושה כ"ק מרן רבינו שליט"א האט אונטערגענומען לעיר אבותיו הק' טאהש אונגארן יצ"ו, אינאיינעם מיט הונדערטער חסידים זקנים עם נערים, פוקד צו זיין דעם ציון הקודש פונעם ראש השלשלת הרה"ק ר' משולם פייש השרף מטאהש זי"ע ווען'ס הילולא קדישא איז אויסגעפאלן פאראפענעם דינסטאג פ' קרח כ"ח סיון.

אין די זעלבע צייט האט די נסיעה געטראגן גאר א היסטארישן באדייט, ווען רבינו שליט"א האט ביי דעם געלעגנהייט מחדש געווען דעם מקום קודש וואו עס האט זיך געפינען דער היסטארישער 'גערטל' וואו דער הייליגער בעל ההילולא דער שרף זי"ע ובנו הסבא קדישא זי"ע האבן געדינט די עבודת הקודש במסי"נ און גע'פועל'ט ישועות פאר אידן, און ווי באוואוסט איז דאס גאר א מסוגל'דיגער ארט, און דערביי איז אפגעראכטן געווארן א פייערליכע הכנסת ספר תורה וואס מען האט אריינגעגעבן אין אט דעם הייליגן פלאץ מקום שהתפללו בו אבותינו ורבותינו.

באמת איז זייער שווער צו שילדערן די געהויבענע געפילן וואס האט באנומען די אלע משתתפי הנסיעה, וועלכע האבן זוכה געווען מיטצולעבן אזעלכע הייליגע מאמענטן יעדע רגע פונעם מסע הקודש וואס וועט זיי פארבלייבן אין די ביינער אויף שטענדיג, דאס איז עפעס וואס קען נישט אראפגעשריבן ווערן אויף פאפיר אפילו מיט די שענסטע שפראכן, אבער דאך וועלן מיר פרובירן ווי ווייט מעגליך אראפצוגעבן א שטיקל בילד פון די געהויבענע היסטארישע נסיעה למען יעמוד לזכרון ימים רבים.

## הכנה דרבה

עס איז ברייט באוואוסט בי כלל אנשי שלומינו אז ביי סיי וועלכע מאורע בחצר הקודש ווערט אלעס צוגעשטעלט מיט א ברייטקייט סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, און אין די זעלבע צייט וואס אונזער הייליגע קהלה איז אוועקגעשטעלט געווארן על אדני קדושה וטהרה נעמט דאס אבער נישט אוועק פונעם ברייטקייט מיט וואס אלעס ווערט אהערגעשטעלט אויפ'ן גשמיות'דיגן זין, אט דאס האט אזוי שטארק בולט געווען דורכאויס דעם גאנצן מסע הקודש וואס די געטרייע עסקנים האבן אויסגעארבייט יעדע דעטאל פון די נסיעה אז עס זאל זיין אויפ'ן העכסטן שטאפל פון טהרת הקודש און האבן נישט געשפָארט דערביי קיין פלאג און צייט, און גלייכצייטיג איז געווען צום באוואונדערן וויאזוי מען האט אויך אינזין געהאט שלא יחסר המזג פון אלע געברויכן וואס איז געווען שייך פאר די נסיעה אויפ'ן שענסטן פארנעם לשביעת לבם פון אלע משתתפים.

ווי נאר עס איז באקאנט געווארן אז די רבי שליט"א וויל אונטערנעמען די גרויסארטיגע נסיעה לעיר אבותיו הק' האט א גרויסער ציבור חסידים זיך געמאלדן מיטצוהאלטן דעם געהויבענעם מסע הקודש, דאס האט אריינגערעכנט פילע תושבי הקרי', און אויך א גרויסער צאל חסידים תושבי ניו יארק רבתי, וועלכע האבן זיך אלע געגרייט בהכנה דרבה ארויסצופארן צו די געהויבענע נסיעה ומלכם בראשם צום אור-אלטן הייליגן שטאט טאהש אין אונגארן, און אין די זעלבע צייט האבן די געטרייע עסקנים פון די נסיעה געארבייט העפטיג ארום דעם זייגער צוצושטעלן און אויסארבייטן אלע דעטאלן פון די נסיעה פונעם ארויספארן ביז'ן זיין צוריק אינדערהיים, וואס די משתתפי הנסיעה האבן ממש נישט געגוג לויב-ווערטער אויסצודריקן פאר די עסקני הנסיעה וואס האבן זיך אזוי אוועקגעגעבן בכל לבבם ונפשם פאר די הצלחה פון די נסיעה און אלע מיטרייזענדע בכלל ובפרט.

כדי אז די נסיעה זאל דורכגיין אויפ'ן גרעסטן מאס קדושה און שמירת עינים האבן די געטרייע עסקנים אין גאר א באגריסענדער שריט ארויסגעדינגען א פריוואטן טשארטער פליגער, מיוחד בלויז פאר די משתתפי הנסיעה וזר לא יתערב בתוכנו, און נאך מער, עס איז באשטימט געווארן אז מען וועט ארויספארן פון א שטילן קליינעם לופטפעלד און נישט פון א גרעסערן קאמערציאלן לופטפעלד וואו די נסיונות פון שמירת עינים - ובפרט אין די יעצטיגע זומער וואכן - זענען אומדערטרעגליך, און איז געוויס נישט געאייגנט פאר היימישע אידן וועלכע גרייטן זיך צוגיין אויף א מסע הקודש, דעריבער האבן די עסקנים אריינגעלייגט גרויסע כוחות ביז ס'איז געלונגען אויסצוארבייטן א פלאן אז מען וועט ארויספארן פונעם אלבאני עירפארט אין ניו יארק, וואס אין צוגאב צו די פריערדיגע מעלות איז דאס אויך געאגראפיש גוט צוגעשטעלט זייענדיג פונקט אינמיטן פון קרית טאהש און די היימישע געגענטער אין ניו יארק.

### זונטאג פרשת קרח

## יום הנסיעה

זונטאג נאכמיטאג פרשת קרח, א גרויס געווירבל זעהט זיך אויף די גאסן פון קרית מלך רב קרית טאהש ווען א שיינער צאל תושבי הקרי' גרייטן זיך צו פארלאזן דעם שטעטל, זיך אויך צו באטייליגן אין די געהויבענע נסיעה און פארן ארויס פון שטעטל מיט זייערע ספעציעלע באסעס, און זיי ווערן באגלייט מיט פילע ברכות פון 'צאתכם ובואכם לשלו' און פועל'ט אלעס גוטס'.

אין די זעלבע צייט ווען די באסעס פון קרית טאהש און מאנטריאל האבן געמאכט זייער וועג אריבער דעם אמעריקאנער גרעניץ אויפ'ן וועג קיין אלבאני, האבן זיך ארויס געלאזט הונדערטער אנשי שלומינו תלמידי וחסידי טאהש פון אלע געגענטער אין ניו יארק, וויליאמסבורג, בארא פארק, מאנסי, קרית יואל, מיט געדינגענע באסעס וואס מאכן זייער וועג צום הויפטשטאט אלבאני, ווען שפעט אין

אוונט טרעפן זיך צוזאם אלע משתתפי הנסיעה צוזאמען אין פריידן און מען גרייט זיך אט אט ארויסצופארן אין א מזל'דיגע שעה, אזוי אויך האבן פילע משתתפי הנסיעה געמאכט זייער וועג מיט פריוואטע קארס און זענען צוגעפארן גלייך צום באשטימטן פארקינג לאט אינעם לופטפעלד.

די נסיעה איז אנגעפירט געווארן דורך די באריהמטע חרדי'שע טרעוול פירמע 'ללכת' וואס האט שוין לאנג קונה שם געווען מיט איר סערוויס וואס איז ממש אין בדומה לה, און דאס האט זיך ווידעראמאל ארויסגעשטעלט ביי אט די נסיעה ווען זיי האבן אזוי שיין צוגעשטעלט אלעס פון שענסטן און בעסטן פאר אנשי שלומינו.

דער ציבור איז אנגעקומען קיין אלבאני אין די אוונט שעה'ן, און דא האבן די עסקנים ווייטער נישט ענטוישט דעם ציבור, ווען תיכף ביים אנקומען זענען אלע באסעס צוגעפארן צו א שיינעם האטעל נעבן דעם לופטפעלד וואו עס איז דארט געווען צוגעגרייט א נאראהאפטיגע נאכטמאל, און דער עולם האט זיך אביסל דערכאפט דאס הארץ, מען האט אויך אינזין געהאט די וועלכע זענען געקומען צו פארן מיט זייערע קארס גלייך צום לופטפעלד און א ספעציעלער 'שאטל-באס' האט זיי דארט אפגעווארט און תיכף צוגעפירט צום האטעל, אנ"ש האבן פארברענגט אינאיינעם בשבת אחים גם יחד, אזוי אויך האט זיך אנגעזעהן פילע טישן פון לומדים ההוגים על תורתינו הק', אויסנוצנדיג די צייט זיך צו גרייטן בהכנה דרבה צו פוקד זיין קברי אבות און פועל'ן אלעס גוטס. אויפן פלאץ האט מען אויך געקענט מסדר זיין די בארדינג פאס, און עס האבן זיך געשטעלט כסדר'דיגע מניני מנחה אין זאל.

זונטאג ביינאכט פ' קרח

# ויסעו מ'אלבאני, ניו יארק

נאך תפלת מנחה לעת ינטו צללי ערב האט א ריזיגע שיירא פון צענדליגער באסעס צוגעטראגן דעם גאנצן ציבור פונעם האטעל צום אלבאני לופטפעלד, דער ציבור איז העכסט איבערראשט געווארן ביים צוזעהן ווי אנקומענדיג צום לופטפעלד האט מען נישט געדארפט אפשטייגן פון די באסעס און אריינשלעפן די זעק און פעק אינעם טערמינאל געביידע, נאר אלע באסעס זענען תיכף ומיד אריינגעפארן אינעווייניג פונעם 'געיט' הארט נעבן דעם טשארטער פליגער וואס איז געשטאנען נישט ווייט פונעם ראנוועי, אזוי ארום האט מען אויסגעמיטן דעם גאנצן גערויש און טומל פון זיך דרייען אינעם טערמינאל וואס איז נישט באקוועם בגשמיות און אוודאי נישט ברוחניות.

אין די זעלבע צייט איז כ"ק מרן רבינו שליט"א אויך אנגעקומען אינעם לופטפעלד אין באגלייטונג פון די פמליא משמשים בקודש הנאמנים, וואו רבינו שליט"א האט געווײלט אין א באזונדערן צימער אינעם לופטפעלד ביז די צייט ווען מען האט געדארפט אויפשטייגן אויפ'ן פליגער.

די עסקני הנסיעה האבן מסדר געווען אז דער גאנצער ציבור זאל אריבערגיין דעם זיכערהייטס פראצעדור און דאס איינטשעקן די פעקלעך אויף גאר א באקוועמען פארנעם פיל לייכטער ווי די רוטינע אונטערזוכונגען אינעם לופטפעלד, און אין גאר א קורצע צייט האט דער גאנצער ציבור געקענט אויפשטייגן אויפ'ן פליגער און אויך זענען די פעקלעך תיכף אנגעלאדענט געווארן אינעם פליגער.

ארויפקומענדיג אויפ'ן פליגער האט זיך אנגעזעהן די אויסנאמליכע געטרייישאפט פון די געטרייע עסקני הנסיעה, ווען אויף יעדע זיץ איז געווען צוגעגרייט א שיינע ברוכים הבאים פעקל פאר אלע משתתפי מסע הקודש, וואס האט אנטהאלטן אין זיך צידה לדרך טועם צו זיין, א סידור און א תהלים, ספר נועם אלימלך און קונטרס עבודת עבודה, און גלייכצייטיג האט דער ציבור שטארק הנאה געהאט ווי דער גאנצער פליגער איז געווען א היימישע פליענדיגע ביהמ"ד.

ארויפקומענדיג אויפן פליגער האבן זיך געשטעלט מערערע מנינים לתפילת מעריב. ארום 10:30 איז דער רבי ארויפגעקומען אויפן פליגער ווי מען האט מקבל פנים געווען דעם רבי'ן בשירה ובזמרה, און בשעה 11:00 האט זיך די פליגער געהויבן אין די לופטן בשעטו"מ אויפן וועג קיין אונגארן. קורצליך נאכ'ן זיך הייבן האט איבער'ן אינטערקאם פונעם פליגער זיך געהערט קולו בקודש פון כ"ק רבינו שליט"א, וועלכער האט משמיע געווען קורצע דברות קודש אין וועלכן די רבי האט מעורר געווען דעם ציבור צו מאכן די פאסיגע הכנות לקראת די געהויבענע ימים הבאים לקראתנו לשלום און געוואונטשן אז מ'זאל פועל'ן אלעס גוטס. און דערנאך איז די רבי שליט"א ארומגעגאנגען צווישן אלע מיטרייזענדע, און באגריסט יעדעם איינעם עקסטער און געגעבן שלום, און זיכער געמאכט אז יעדער האט פון אלעם גוטן.

אנקומענדיג העכער די אייראפעאישע הימלען האט שוין אויפגעשיינט די זוהן פון מאנטאג אינדערפרי', און ס'איז געווען געציילטע שעה'ן בעפאר'ן לאנדן ווען דער ציבור האט אינאיינעם אפגעראכטן א געהויבענע תפלת שחרית מיטן פייערדיגן נוסח, זיך דערהייבנדיג טפחיים נאך אפילו העכער פון די שוין אזוי-הויכע 35 טויזנט פיס אין די לופטן.

מאנטאג מיטאג פ' קרח

# ויחנו ב'אונגארן

מאנטאג אין די פריע נאכמיטאג שעה'ן האט מען בשלו' געלאנדעט אין בודאפעסט, די הויפשטאט פון אונגארן, ווי עס זענען געווען אויסגע'שורה'ט אינעם פארקינג לאט א פלאטע פון באסעס, און עסקנים האבן פונקטליך אנגעוויזן די סדר הבאסעס.

דארט האט דער ציבור זיך צוטיילט אין 2 חבורות, א טייל פונעם ציבור האבן זיך תיכף ארויסגעלאזט אין די באסעס פון דארט אויפ'ן לאנגן 4 שעה'יגן וועג צום עיר האבות טאהש, בשעת דער אנדערער טייל ציבור - ווי אויך עקסטער א גרופע פון אברכי הכולל - וועלכע האבן געוואלט אריינכאפן פוקד צו זיין די הייליגע ציונים פון די צדיקים זי"ע אין אנדערע שטעט איבער אונגארן.

אויף די באסעס האט מען געזינגען ווארימע ניגוני קודש והתעוררות, און געהערט דברי הכנה וסיפורים, זיך גרייטנדיג צו די הייליגע מעמדים ותפילות ובקשות און צו פועל'ן אלעס גוטס, דורך הרב הגאון דומ"ץ דקהלתינו הק' קרית יואל שליט"א, הרה"ג ר' שמעון יחיאל ראטה שליט"א, הרה"ג ר' יוסף יששכר בער סג"ל טירנויער שליט"א, הרה"צ רבי יודא יחיאל גרינוואלד שליט"א חדב"ן, הרה"ג ר' יעקב פאגעל שליט"א, הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א, הרה"ג ר' יששכר דוב מאירוביץ שליט"א, הרה"ג ר' אלימלך סג"ל לאוון שליט"א, אדמו"ר מ'דעלאטין שליט"א, הרה"ח ר' יעקב זוסמאן שליט"א משב"ק, הרה"ג יעקב קליין שליט"א מו"ץ, און נאך.

די באסעס וואס זענען גלייך געפארן קיין טאהש זענען אנגעקומען אין טאהש ארום 5:00. און די ציבור איז זיך געגאנגען צולייגן און זיך

אויסרוען צו די רייע מעמדי קודש והתעלות.

די אנדערע באסעס זענען בערך 4:35 נאכמיטאג אנגעקומען אין ראצפערט, צום ציון הקודש פונעם הייליגן רבי נפתלי הירצקא מ'ראצפערט זי"ע, ווי מען איז צום ערשט זיך געגאנגען טובל'ן אינעם מקוה אויפן פלאץ, און עס איז געווען צוגעגרייט קאווע ושתי' חמה, און דערנאך איז מען ארויף צום ציון הקודש און געזאגט מזמורי תהלים מיט גרויס התעוררות און גע'פועל'ט אלעס גוטס.

בערך 5:25 איז מען ארויסגעפארן קיין קאלוב, און אנגעקומען בערך 5:45 צו בית החיים הישן, ביים ציון הק' פונעם הייליגן רבי אייזיק'ל קאלובער זי"ע, און גע'פועלט אלעס גוטס. בשעה 6:00 איז מען ארויסגעפארן קיין טאהש.

דער ציבור - און שפעטער די אנדערע וועלכע זענען געפארן קיין ראצפערט און קאלוב - זענען ארום 6:45 שוין אלע געווען פארזאמעלט עיר האבות טאהש, ווען תיכף ביים אנקומען אין שטאט האט יעדן איינעם באנומען א יראת הכבוד ווען מען האט זיך מתבונן געווען אז מען איז ענדליך אנגעקומען אין דעם מקום שהתפללו בו רבותינו הקדושים זי"ע, און גלייכצייטיג האט געגעבן א ציפ אין הארצן אז די שטאט וואו עס האבן געווירבלט מיט אזויפיל אידן איז ליידער חרב ושמם ושועלים הלכו בו.

די באסעס האבן תיכף צוגעטראגן דעם ציבור צום בנין הכנסת אורחים שע"י חצר הקודש וואס איז געווארן ספעציעל אויסגערישט לכבוד דעם מסע הקודש, עס איז געווען דארט צוגעשטעלט א ווארימע סעודה בהרחבה אינעם עס זאל, און אינעם ביהמ"ד איז געווען צוגעגרייט צום לערנען וואו אידן האבן אויסגענוצט די צייט און אריינגעכאפט לערנען בלעטער גמרא אין די ראמען פון חבורת 'מזון הנפש' שע"י קהילתנו הק' און אנדערע לימודים, ווי אויך איז געווען א גאנצן טאג דארט צוגעשטעלט א ווארימע מקוה וואו דער ציבור האט געקענט כאפן א טבילה און זיך גרייטן צום הילולא קדישא.

### מאנטאג אווענט פ' קרח

# מעמד התחדשות ה'גערטל' והכנסת ספר תורה

אום 7 אזייגער נאכמיטאג איז דער גאנצער ציבור בראשות דעם רבי'ן שליט"א ארויס צום היסטארישן 'גערטל' באותו מקום וואו רבותינו הק' דער בעל ההילולא השרף זי"ע ובנו הסבא קדישא זי"ע האבן אפגעראכטן זייער עבודת הקודש און גע'פועל'ט ישועות פאר אידן, וואו עס איז געווארן אויפגעבויט אויף'ן גאנצן שטח א ספעציעלער שאטער און מען האט זיך געגרייט צום געהויבענעם מעמד ההתחדשות, וואס צום ערשטן מאל נאך 80 יאר האבן אידן מתפלל געווען אויף דעם הייליגן פלאץ.

גלייכצייטיג איז ביי דער געלעגנהייט פארגעקומען א מעמד סיום כתיבת האותיות והכנסת ספר תורה, וואס איז געשריבן געווארן דורך די גבאים ומשמשים בקודש פנימה ביי רבינו הק' זי"ע ולהבחל"ח ביים רבי'ן שליט"א, נדבת לבו פון האי גברא יקירא עמוד התווך רבות בשנים הרבני הנגיד ר' בנימין פיליפסון הי"ו פון מאנסי, און רבינו הק' זי"ע האט נאך בערוב ימיו עלי אדמות אריינגעשריבן עטליכע אותיות אין די ספר תורה.

בשעה 7:10 איז רבינו שליט"א אריינגעקומען, און תיכף ארויף אויפן בימת הכבוד, ווי מען האט אנגעהויבן מיט ניגוני התעוררות ודביקות, די אויסגעוויינטע ניגונים וועלכע זענען מקובל פונעם הייליגן בעל ההילולא רבינו השרף זי"ע ורבינו הסב"ק זי"ע, די התעוררות און התרגשות וואס איז געווען אויסגעגאסן אויף די פנימ'ער פון אלע משתתפים איז נישט מעגליך אראפצוגעבן מיט טרוקענע ווערטער, המקום אשר אדמת קודש היא, די הייליגע הויף פון וואס רבינו הקדוש זי"ע פלעגט רעדן מיט אזא התרגשות און געגועי' קודש, די הייליגע הויף וואס דא האבן אונזערע רבי"ס געוואוינט, און געפראוועט זייער הייליגע עבודה, די ביהמ"ד וועלכע יעדעס שפענדל איז געווען אויסגעארבעט, און ווער רעדט נאך פון די הייליגע גערטל פון ווי זיי האבן אויס'גע'פועל'ט ישועות ורפואות פאר אלע דופקי' שערם.

ארום 7:30 האט הרבני הנגיד ר' בנימין פיליפסון שליט"א אריינגעברענגט די נייע ספר תורה, און ארויפגעברענגט צו רבינו שליט"א אויפן בימת הכבוד, און מען האט ממשיך געווען מיט ניגונים התעוררות, די הייליגע אהבה רבה ניגון, און די 'יעלה' ניגון פון ליל יום הקדוש, בשעת מען ענדיגט שרייבן די לעצטערע אותיות אינעם הייליגן ספר תורה.

דער רבי' האט מכבד געווען אויפצומישן די ספר תורה הרה"ח ר' יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין הי"ו און הרה"ח ר' דוד מאירוביץ הי"ו הרבני הנגיד ר' ישראל אלי' ברוך ענגעל הי"ו און הרב ר' מאיר יעקב טעסלער שליט"א, דערנאך האט רבינו שליט"א אריינגעשריבן א אות אינעם ספר תורה, און מכבד געווען צו שרייבן אותיות: כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א, הרב הגאון דומ"ץ דקהלתינו הק' קרית יואל שליט"א, אב"ד קלוזש שליט"א, אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, אדמו"ר מ'דעלאטין שליט"א, הרה"צ רבי אלימלך נפתלי הירצקא סג"ל לאווי שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, מוה"ר דניאל הלל פיליפסון הי"ו, מוה"ר אברהם שמואל פיליפסון הי"ו, מוה"ר משה סג"ל ראטמאן הי"ו משב"ק, מוה"ר אהרן מיכאל גבריאל סג"ל קרויס הי"ו, מוה"ר יואל אלחנן פאפלאנאש הי"ו משב"ק, הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א, הרה"ח ר' ישראל שלמה זאב פריעדלענדער הי"ו, הרבני הנגיד ר' אברהם שמואל פייפער הי"ו. און דער סופר הרה"ח ר' יעקב זוסמאן שליט"א משב"ק איז געווען עומד על גביהם, און זיכער געמאכט אז אלעס ווערט געשריבן כדת וכראוי.

במשכ'ן מעמד האט דער בדחנא דמלכא הרב יוסף מאיר הערשקאוויטש שליט"א אויפגעטרעטן מיט הערליכע חרוזים, און גאר שיין ארויסגעברענגט די הייליגע מינוטן אין וועלכע מיר שטייען, אויסרעכענדיג די ישועות און בקשות וואס מיר אלע דארפן און בעטן, קה זכות אבות יגן עלינו, רחמנא אידכר לן זכותי' דרבינו.

רבינו שליט"א האט משמיע געווען דברות קודש, איבער די קדושת המקום וקדושת הזמן, משולב מיט עובדות וסיפורים וויאזוי רבותינו הקדושים זי"ע האבן פון דא גע'פועל'ט די שווערע ישועות, און אנגעווארעמט אלע הערצער זיך אויסצוגוויינען צום בורא כל עולמים, און זיך אויסבעטן אלעס גוטס, שטייענדיג אויף אזא הייליגע פלאץ, זייענדיג ממשיך פאר אונז אלע השפעות טובות וברכות לרוב.

דערנאך האט מען געזאגט מיט גרויס התעוררות די ספעציעלע קאפיטלעך תהלים להתחדשות הגערטל, נאכן עס צוריק אפקופן מידי זרים, ווי מען האט געזאגט איניינעם קאפיטל כ', פ"ג, קכ"א, קמ"ב, און ק"נ. דערנאך האט רבינו שליט"א פארגעזאגט פסוק בפסוק קאפיטל ק"ל שיר המעלות ממעמקים בדמעות

שליש, און מען האט געזאגט אינאיינעם יהי רצון שאחר תהלים, ותבטל מעלינו ומעל כל עמך בית ישראל כל גזירות קשות ורעות, און די י"ג מדות של רחמים וועלכע האט בוקע רקיעים געווען און זיכער צוריסן אלע שווערע גזירות, און משפיע געווען פאר כל הקהל הקודש אלע ישועות ורפואות והשפעות טובות.

דערנאך האט רבינו שליט"א פארגעזינגען די הייליגע ניגונים אויף ידיד נפש און אדון הכל, וועלכע איז מקובל פונעם הייליגן שרף זי"ע דער בעל ההילולא צו זינגן ביי די הקפות שמחת תורה. דערנאך האט מען ממשיך געווען מיטן הייליגן אהבה רבה ניגון פונעם הייליגן רבי הערש מ'רימנוב זי"ע.

דערנאך האט דער רבי מכבד געווען דעם נדיב ר' בנימין מיט הגבהת הס"ת, און מיטאמאל האט דער גאנצער ציבור זיך ארויסגעלאזט אין פייערליכע געזאנגען, הרה"ח ר' אפרים פישל פעלבערבוים הי"ו און הרה"ח ר' אברהם שניצלער הי"ו און הרה"ח ר' אהרן מתתי' פריעדלענדער הי"ו זענען מכובד געווארן מיטן צאמדרייען די ספר תורה און מאכן גלילה. דערנאך האט דער רבי איבערגענומען די ס"ת אין זיינע הענט און האט אנגעהויבן פראווען די ריקודי קודש אין צענטער פונעם שאטער, ס'איז געווען וינועו אמות הספים פון די לעבעדיגע געזאנגען און טענץ פונעם גאנצן ציבור בהתלהבות עצומה א לענגערע צייט, ווען אינצווישן האט דער רבי מכבד געווען צו טאנצן מיט'ן ספר תורה כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א, הרב הגאון דומ"ץ קהלתינו קרית יואל שליט"א, הרה"ג ר' יצחק יודא משה גוטמאן שליט"א מו"ץ, הרה"ג ר' יואל פילאפף שליט"א מו"ץ, הרה"ג ר' יעקב קליין שליט"א מו"ץ, הרה"ג ר' יונה פישער שליט"א מו"ץ, הרה"צ רבי נחמן כהנא בן אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א ונכד רביה"ק זי"ע, אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, אדמו"ר מ'דעלאטין שליט"א, אב"ד קלוזש שליט"א, הרה"צ רבי אלימלך נפתלי הירצקא סג"ל לאווי שליט"א, הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א, הרה"צ רבי חיים לייב כהנא שליט"א, הרה"ח ר' יעקב זוסמאן שליט"א משב"ק, הרה"ג ר' שמעון יחיאל ראטה שליט"א מנהל ישיבה גדולה, הרה"ג ר' יוסף יששכר בער סג"ל טירנויער שליט"א מנהל ישיבה קטנה קריתינו הק', הרה"ג ר' מרדכי בעריש מערמעלשטיין שליט"א מנהל ישיבה קטנה ניו יארק, און מוה"ר יעקב שאול הערשקאוויטש הי"ו.

א עקסטערע שיינע רינג האט זיך פארמירט צווישן די גבאי' ונאמני בית כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, ויבלחט"א מרן רבינו שליט"א, וועלכע האבן אריינגעגעבן די ספר תורה לע"נ הטהורה פון רביה"ק זי"ע, א טרייסל איז אדורך אין די ביינער פון אלע משתתפים, זיך דערמאנענדיג פון די לעבטיגע צייטן בהלו נרו על ראשינו, ומה נהדר היה המראה ווי רבינו שליט"א האט אנגעפירט מיטן טאנצן ומלך ביפיו תחזינה עינינו, לכבודה של תורה.

נאך די ריקודין של מצוה האט רבינו שליט"א פארגעזאגט די מזמורי תהלים 'לדוד מזמור' (קאפיטל כ"ד) און 'מזמור לדוד' (קאפיטל כ"ט) און מען האט אריינגעשטעלט דעם ספר תורה אין ארון קודש, דערנאך האט מען געזאגט 'ויהי בנסוע' און 'בריך שמי-ה' און מען האט ארויסגענומען דעם ס"ת צו ליינען די פרשת השבוע, משלים צו זיין קריאת התורה וואס מען האט פארפעלט יענעם טאג ווען מען האט געדאווענט אויפ'ן פליגער, עס האט זיך געשפירט א געהויבענער געפיל אז מען ליינט אינעם נייעם ספר תורה וואס מען האט נארוואס מחדש געווען.

אלס בעל קורא האט געדינט הרה"צ ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א, עס האבן עולה געווען כהן כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, לוי כ"ק מרן רבינו שליט"א, און שלישי דער נדבן ר' בנימין הי"ו וועלכער האט בקול רגש געמאכט א ברכת שהחיינו און האט דערביי" אויך באנייט א נייעם טלית ווי די הלכה איז, תיכף נאך קריאת התורה האט מען דארט אויפ'ן פלאץ געדאווענט אינאיינעם מנחה, און אינדרויסן איז שוין געווען כמעט נאכט ווען דער ציבור האט זיך אנגעהויבן גרייטן צום גרויסן טאג יומא דהילולא רבה פון רבינו השרף זי"ע וואס איז דאך געווען דער ציל און תכלית פון די גאנצע נסיעה.

### מאנטאג ביינאכט פ' קרח

## ליל ההילולא קדישא

מאנטאג ביינאכט פ' קרח בליל ההילולא קדישא איז כ"ק מרן רבינו שליט"א אריינגעקומען אינעם שאטער אויפ'ן געדעקט און געדאווענט מעריב פאר'ן עמוד מיט גרויס התעוררות, און תיכף דערויף איז דער עולם צוגעגאנגען צום ספעציעלן שאטער ביים הכנסת אורחים וואו ס'איז פארגעקומען דער גרויסארטיגער סעודת הילולא משולב מיט'ן סעודה לגומרה של תורה, וואו עס איז געווען צוגעשטעלט א סעודה רחבה מיט בשר ודגים וכל מטעמים פאר'ן גאנצן ציבור.

אנקומענדיג אינעם שאטער האט זיך אנטפלעקט א הערליך צוגעגרייטן זאל, מיט רייך געדעקטע טישן מיט בלומען און רויזן לכבודה של תורה, די עולם האט זיך געוואשן צום סעודת הילולא קדישא וסעודת הכנסת ספר תורה, און די מקהלת המנגנים דחצרות קדשינו האבן מהנה געווען בשירה ובזמרה.

רבינו שליט"א איז אריינגעקומען צו די סעודה און האט געצינדן די ליכט, דערנאך האט דער רבי זיך געוואשן און האט מעריך געווען שלחנו הטהור לכבוד ההילולא און פארטיילט שיריים פאר'ן ציבור, און נאך די פיש געוואונטשן לחיים פארן גאנצן ציבור. דאן האט דער רבי משמיע געווען דברות קודש ודברי' התעוררות און אויפגעפאדערט דעם ציבור צו גיין ווייטער אין די הייליגע וועגן וואס דער ראש שושילתא קדישא הדין דער גרויסער בעל ההילולא זי"ע האט אויסגעטרעטן, דערנאך זיך ארויסגעלאזט אין געהויבענע ריקודין לכבוד די שמחת הכנסת ספר תורה. און דערנאך האט דער רבי געבענטשט על הכוס, הגבהת הכוס איז מכובד געווארן הרה"ח ר' ישראל הערש פעלבערבוים הי"ו, שיר המעלות הב' יעקב יוסף שווארץ ני"ו תלמיד ישיבה גדולה. נאכן בענטשן האט מען ארויסבאגלייט דעם רבי'ן אויפן ניגון האסט גע'פועל'ט אלעס גוטס.

עס איז שוין געווען ביי חצות הלילה ווען דער גאנצער ציבור האט פארלאזט דעם בנין הכנסת אורחים, און מען איז דאן אינאיינעם מיט'ן רבי'ן ארויפגעגאנגען צום ציון הקדוש מעורר רחמים צו זיין עבור הכלל והפרט, רבינו שליט"א איז תיכף צוגעגאנגען צום מקום מנוחת קדשו פונעם הייליגן שרף זי"ע און געצינדן די ליכט, און תיכף אנגעהויבן זאגן דעם גאנצן ספר תהלים מיט גרויס התעוררות והשתפכות הנפש, ווען די גאנצע ציבור האלט מיט אין אוהל, און אינדרויסן פון אוהל, און א גרעסערן ציבור אינעם ספעציעלן צוגעשטעפטן שאטער צום אוהל הק', און זאגן מיט ספר תהלים ווען יעדער איינער גיסט דערביי" זיך אויס זייערע הערצער פאר'ן בורא כל עולמים ער זאל משפיע זיין אלע ישועות ורפואות בזכות הצדיק הספון פה, נאך אמירת תהלים האט דער רבי' פארגעזאגט יה"ר און י"ג מדות של רחמים, וואס דער ציבור האט נאכגעזאגט מיט קולות ובכיות אז עס האט זיכער געשפאלטן הימלען, דערנאך איז דער רבי צוגעגאנגען צום ציון פונעם זיידן דער הייליגער סבא קדישא זי"ע און דארט געזאגט די מזמורי תהלים פון צ' ביז ק"ז. דערנאך

# נִכְסְפָה וְגַם כָּלְתָה נַפְשִׁי לְחַצְרוֹת ה'

האט דער רבי געוואונטשן פארן גאנצן ציבור מען זאל האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס.

### דינסטאג פ' קרח יומא דהילולא

## נסיעה לעיר ליזענסק

עס האט שוין אנגעהויבן טאגן ווען דער ציבור האט פארלאזט דעם ציון הקדוש מיט א שטארקע האפענונג אז מ'האט זיכער גע'פועל'ט אלעס גוטס, און מען איז תיכף צוגעגאנגען צום בנין הכנסת אורחים וואו דער עולם האט זיך דערכאפט דאס הארץ מיט ווארימע קאווע און אריינגעכאפט א טבילה במקוה.

בשעה 3:35 איז רבינו שליט"א אריינגעקומען צום דאווענען אינעם גרויסן שאטער, און פארגעזאגט ברכות און געדאווענט פארן עמוד א געהויבענעם תפילת שחרית ברוב עם, זקנים ונערים אברכים ובעלי בתים וכל הקהל הקודש, ווי עס האט אפגעהילכט און אפגעדונערט א פלאמ'דיגע טאהש'ע דאווענען.

נאכן דאווענען בשעה 5:00 האט מען זיך געזעצט צום מסיבת לחיים לכבוד די יומדהל"ק רבה, ווי מען האט געזינגן ווארימע ניגוני הילולא קדישא, און רבינו שליט"א האט משמיע געווען דברות קודש בגודל סגולת הזמן, און ספעציעל ארויסגעברענגט די התרגשות פון אזא קאכעדיגע דאווענען באתרא קדישא הדין, אנוואונטשענדיג דערביי ברכות לרוב, מען זאל האבן גע'פועל'ט און ווייטער פועל'ן אלעס גוטס אמן.

דער רבי האט געמאכט א שהכל אויף די ברוינפן, און געטיילט יי"ש פאר די אויבן אן, און מכבד געווען די גאסט אב"ד יאמאפאלא שליט"א צו עפענען די לקח, און פארטיילט שיריים פאר אלע נאספים.

ארום 6:00 אינדערפרי האבן זיך די באסעס ארויסגעלאזט אויף די ווייטערדיגע וועג, עטליכע באסעס גלייך קיין ליזענסק, און די אנדערע באסעס זענען ווייטער געפארן אויף מקומות הקדושים.

א שיינע שיירא פונעם ציבור האבן זיך ארויסגעלאזט קיין קערעסטיר וואו עס איז געווען אנגעגרייט א ברייטן פת שחרית דורך די חשוב'ע עסקנים וועלכע פארפיגן א גאנץ יאר אויפ'ן הייליגן ארט, און דערנאך האט די שיירא מתפלל געווען אויפ'ן הייליגן ציון פון ר' ישעי'לע זי"ע להפקד בדבר ישועה ורחמים און געזינגען ניגוני התעוררות.

ארום 10:30 איז מען ארויסגעפארן פון קערעסטיר אויפן וועג קיין דינוב ווי מען האט פוקד געווען די ציון הק' פונעם הייליגן בני יששכר זי"ע און פונעם רבי דוד'ל דינוב'ער זי"ע, געוויסע באסעס האבן אויפן וועג קיין דינוב אויך געמאכט א אפשטעל אין ליסקא און אוהעל, און געוויסע אויך אין רימנוב אדער לאנצוט, און זיכער גע'פועל'ט אלעס גוטס. אין דינוב איז געווען צוגעשטעלט א מיטאג זיך אנצושעפן מיט פרישע כוחות.

די איבריגע טייל פונעם ציבור זיך ארויסגעלאזט דעם לאנגן וועג קיין פוילן, מיט'ן ציל אנצוקומען צום שטאט ליזענסק און פוקד זיין דעם ציון קודש הקדשים פון רבן של ישראל הרה"ק הרבי ר' אלימלך מ'ליזענסק זי"ע, צו וועם רבותינו הק' נ"ע זענען געווען אדוק ומקושר אויף אן אויסטערלישן אופן.

משך די פארמיטאג שעה'ן בעת רוב פונעם ציבור האבן זיך שוין געפינען אויפן וועג צו די קברי צדיקים, איז מרן רבינו שליט"א ווידער ארויף צום בית החיים אין שטאט טאהש, און פאר קרוב צו 2 שעה מתפלל געווען באמירת תהלים לישועתן של ישראל, און פאר א לענגערע צייט געליינט קוויטלעך ביי ביידע ציונים הק' פון רבותינו הק'.

פארנאכטס ארום 6:30 איז דער רבי אנגעקומען קיין ליזענסק, - נאכדעם וואס אלע אנדערע שיירות וואס האבן פריער געהאט געפארן קיין קערעסטיר און דינוב זענען שוין געווען פארזאמעלט אין שטאט, - און דער גאנצער ציבור איז תיכף ארויפגעגאנגען צום ציון הק' פון הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע, וואו דער רבי האט מיט א רגש אש קודש אנגעהויבן אויסזאגן דעם גאנצן ספר תהלים אינאיינעם מיט'ן ציבור, עס איז נישט מעגליך צו שילדערן די התעוררות עצומה וואס האט געהערשט ביי אמירת ספר תהלים, ווען רבינו שליט"א האט אויסגעלאזט די מזמורי תהילים מיט גרויס השתפכות הנפש און דער גאנצער עולם איז דערביי מיטגעריסן געווארן מיט א זעלטענעם התלהבות און התעוררות דקדושה, דערנאך האט דער רבי פארגעזאגט דעם יה"ר און י"ג מדות של רחמים וואס איז געווען בוקע רקיעים, און דאן האט מען אינאיינעם געזאגט בהשתפכות הנפש די תפלה פון הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע.

פון דארט איז דער גאנצער ציבור אריבער צום בנין הכנסת אורחים ליזענסק וואו עס איז געווען צוגעגרייט א נארהאפטיגער נאכטמאל, פאר כל הקהל הקודש.

### מיטוואך פ' קרח נעילת הנסיעה

## הובילם לאהליהם לשלו'

דערנאך האט דער גאנצער ציבור זיך ארויסגעלאזט מיט די באסעס צום לופטפעלט אין שטאט קאטאוויץ, א וועג פון ארום 3 שעה, צום עיר-פארט. אנקומענדיג אין עיר פארט ארום 12:45 האבן זיך געשטעלט מערערע מניני מעריב ביים געיט.

אין א גוטע שעה האט דער טשארטער פליגער זיך געהויבן אין די לופטן בשעה 4:45, און א קורצע צייט נאכ'ן זיך הייבן האט שוין אנגעהויבן ווערן טאג און דער ציבור האט געדאווענט אינאיינעם א געשמאקן תפלת שחרית אין די הויכע רוימען, און דאן האט מען געהאט א געלעגנהייט זיך אפצורוען און שעפן פרישע כוחות.

אנקומענדיג העכער די אמעריקאנער הימלען האט ווידעראמאל ארומגענומען דעם ציבור אן איבערראשונג, ווען איבער'ן גאנצן פליגער האט זיך געהערט קולו בקודש פון רבי'ן שליט"א וועלכער האט גענומען דעם מייקראפאן און האט ווארעם אנגעוואונטשן דעם גאנצן ציבור אז יעדער זאל האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס וואס מען דארף און מען זאל מיטנעמען די קבלות טובות אויפ'ן גאנצן לעבן.

א קורצע צייט נאכדעם מיטוואך פארמיטאג ניו יארקער זייגער האט מען אין א מזל'דיגע שעה געלאנדעט אינעם אלבאני לופטפעלד, וואו דער גאנצער עולם האט פארלאזט דעם פליגער און איז ארויף אויף די באסעס וואס האבן יעדן געפירט אהיים איש על מחנהו ואיש על דגלו קיין קאנאדע און ניו יארק, וואו עס איז געווען צוגעגרייט א רייכער פרישטאג פאר יעדן איינעם.

דער ציבור איז אנגעקומען אהיים אנגעפולט מיט פילע באגאזשן פון ישועות ורפואות, און דערמיט איז געשלאסן געווארן דער געהויבענער מסע קודש וואס וועט געוויס איבערלאזן א לענגערער רושם דקדושה אויף אלע באטייליגטע פאר יארן לאנג.


כי עבד נאמן קרא לו
בית כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
פק"ק קרית טאהש יע"א
החתן
יעקב אלימלך קליין
הי"ו
לרגל שמחתו הגדולה
בשמחת אירוסיו
למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת


ויהי דוד לכל דרכיו משכיל וה' עמו
האי איש חי ורב פעלים, פאר מקדושים
הר"ר
יואל דוד לייפער
הי"ו
חבר הנהלת בית מדרשינו
לרגל השמחה השרויה במעונו
הולדת בתו
למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ועד קרן הבנין
ביהמ"ד אהל מרדכי ד'טאהש


הרבני הנכבד והמפואר
מוה"ר
יוסף חיים
דוב גרינהוט
הי"ו
שהשמחה הגדולה בביתו
בנישואי בנו חשוב החתן יהושע נ"י
הרה"ח מוה"ר
אהרן אליעזר
שליט"א
ועד קרן הבנין
ביהמ"ד אהל מרדכי דטאהש - קרית יואל


זמן הבחינה
יום א' בלק
משעה: 8:00
עד שעה: 9:30
מסכת עבודה זרה
מסכת בבא בתרא
מזון הנפש
הפך בה והפך בה,
ומינה לא תזוע

# פּריש אויפן קול איחוד

אפדעיט #29 · ראש חודש תמוז תשפ״ה

## מעמדים ומאורעות בחצרות קדשינו

- מסיבה לטובת קרן הבנין דבית מדרשינו קרית יואל, בבית מוה״ר יצחק שמואל פויגעל הי״ו - י׳ אייר | 541111
- מעמד הדלקה ל״ג בעומר תשפ״ה | 516853
- שלחן הטהור ל״ג בעומר - ביחד עם סיום מס׳ שבועות במסגרת חבורת מזון הנפש ז׳ עמודים בהיכל ביהמ״ד הגדול | 516854
- מסיבת לחיים ודברות קודש בהיכל ישיבתינו הק׳ תפארת משולם פייש ניו יארק אחר שמחת ברית מילה - ב׳ במדבר | 463335
- מעמד חתימת מגילת היסוד אצל שבת המייסדים לטובת איגוד מוסדות טאהש ניו יארק - עש״ק בהר בחקתי פערסיפּיני ניו זשערסי | 541121
- סיפורים וחרוזים ע״י החזן מוה״ר ישראל אדלער הי״ו מוצאי שבת קודש אצל שבת המייסדים | 541122
- דינער ״התורה כוללת״ לטובת כוללי אברכים קרית טאהש - ושלחן הטהור ר״ח סיון תשפ״ה - ארמון לאוואל | 54113
- מסיבה לטובת קרן הבנין דבית מדרשינו קרית יואל, בבית מוה״ר שמחה מאירוביץ הי״ו - ב׳ סיון | 541112
- מעמד ברכת הקודש מוצאי חג השבועות - בהיכל ביהמ״ד הגדול | 51785
- שמחת הכנסת ספר תורה ע״י משפחת מערמעלשטיין להיכל ביהמ״ד הגדול - אסרו חג שבועות | 5785101
- סעודת של מצוה לכבוד הכנסת ספר תורה הנ״ל בשירה ובזמרה בביהמ״ד הגדול | 5785102
- חומש סעודה בתלמוד תורה עבודת משולם פייש מאנסי בראשות רבינו שליט״א - ג׳ בהעלותך | 578511
- אסיפת הכנה לקראת מסע הקודש בהיכל ביהמ״ד אברכים - ובהיכל בית מדרשינו קרית יואל | 5851
- מעמד ״התחדשות הגערטל והכנסת ספר תורה״ בעיר האבות טאהש-אונגארן - ב׳ קרח | 58531
- שלחן הטהור סעודת הילולא קדישא כ״ח סיון - ולכבוד הכנסת ספר תורה בטאהש-אונגארן | 58532
- אמירת כל ספר תהלים וי״ג מדות של רחמים אצל ציון הקדוש של רבינו השרף זי״ע כחצות הלילה | 58533
- מסיבת לחיים אחר תפילת שחרית בעצם יומא דהילולא קדישא בטאהש אונגארן | 58535

## דברות קודש מאת כ״ק מרן רבינו שליט״א

- ברכת הקודש ערב ל״ג בעומר אחר אמירת כל ספר תהלים אצל ציון רבינו הקדוש זי״ע | 516851
- ברכת הקודש ודברי הדרכה לזמן הקיץ מוצאי חג השבועות תשפ״ה | 517852
- ברכת הקודש על הפליגער בדרך מסע הקודש ובדרך חזרה - לקראת כ״ח סיון | 58537
- דברות קודש אצל מעמד התחדשות הגערטל והכנסת ספר תורה | 585318
- דברות קודש אצל שלה״ט סעודת הילולא ולכבוד הכנסת ספר תורה | 585324
- דברות קודש אצל מסיבת לחיים אחר תפילת שחרית בעצם יומדהל״ק | 585352

## דרשות ושיעורים אפטיילונג

- דרשות התעוררות און ניגוני קודש אויף די באסעס ארומפארנדיג ביים מסע הקודש | 5855

הרב הגאון דומ״ץ דקהלתינו קרית יואל שליט״א - הרה״ג ר׳ חיים ברוך יודא לייפער שליט״א - אדמו״ר מ׳דעלאטין שליט״א - הרה״צ רבי יודא יחיאל גרינוואלד שליט״א חדב״ן - הרה״ג ר׳ יעקב פאגעל שליט״א - הרה״צ רבי נחמן כהנא שליט״א חדב״ן - הרה״ג ר׳ לייב קופּטשיק שליט״א - הרה״ג ר׳ יעקב קליין שליט״א מו״ץ - הרב אלחנן חיים כ״ץ שליט״א - הרב שמעון דוב פאדריגאל שליט״א

- שמועסן און אינטערוויא׳ס במשכן דערהויבענעם מסע הקודש | 5854
- רייכע שמועס נאכן דערהויבענעם מסע הקודש מיט הרה״ג ר׳ יעקב פאגעל שליט״א | 58545



# קול איחוד טאהש

מקושר פון איבעראל

718.451.TOSH · 514.500.TOSH

**צענטראלע נומערן:**

514.500.TOSH (8674)

718.451.TOSH (8674)

| אפסטעיט ניו יארק: | ענגלאנד: | ארץ ישראל: |
|---|---|---|
| 845.351.8674 | 0.333.015.0715 | 079.704.0074 |

**1 — בחצרות קדשינו**
מודעות, אינטערוויא׳ס, שמחות אנ״ש, סיפורים על רביה״ק זי״ע, נוצבארע סערוויסעס אויפן וועג קיין טאהש, התאחדות אפטיילונג

**2 — אוצר קולו בקודש**
היסטארישע ריקארדירונגען פון כ״ק מרן רבינו הקדוש זי״ע
תפילות – דברות קודש – מועדי השנה – ביקורי אדמורי״ם – ועוד

**3 — דברות קודש**
מאת כ״ק מרן רבינו שליט״א
רעוא דרעוין - שיח״ק מוצש״ק - במועדי השנה - בעידן חדותא - לתלמידי הישיבה - ועוד

**4 — דרשות שיעורים וחבורות**
הנאמרים ונלמדים בקהילותינו הקדושות
מזון הנפש – לומדי תהלה – עבודת עבודה
פרשה - גמרא – הלכה – מועדים וזמנים - חיזוק ומוסר – בישיבותינו הק׳ – חינך – טעכנאלאגיע – הספדים –

**5 — מעמדים ומאורעות**
בחצרות קדשינו במשך השנים
מועדי השנה – סעודות הילולות – שמחות בחצרות קדשינו – ועוד

**6 — ניגונים ונוסחאות**
ניגוני בית טאהש ונוסחאות התפלה במועדי השנה

**7 — הוק-אפ סיסטעם**
מיטצוהאלטן פארשידענע שיעורים און מעמדים בחצרות קדשינ
און צו איבערהערן גלייך נאכדעם.

**8 — מערכת איחוד טאהש**
אלע אפטיילונגען פונעם מערכת האיחוד
קול איחוד – מתאחדת – טעלפאון ביכל – באור החיים – להתאחד בחורי אנ״ש – חברה ש״ס - ועוד

**9 — קהילות ומוסדות אינפארמאציע צענטער**
ווי איר קענט אייך פארבינדן מיט אלע קהילות ומוסדות אנגעלעגנהייטן

## סדר הלימודים

במסגרת החבורת שע״י קהילתינו הק׳

### = פרשת בלק =

| | ז׳ עמודים - מסכת עבודה זרה | | ה׳ עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב״ק חקת | כז. | כג: | חזרה | חזרה |
| זונטאג יום הבחינה | כז: | כד. | פד: | פא. |
| מאנטאג | כח. | כד: | פה. | פא: |
| דינסטאג | כח: | כה. | פה: | פב. |
| מיטוואך | כט. | כה: | פו. | פב: |
| דאנערשטאג | כט: | כו. | פו: | פג. |
| עש״ק | ל. | כו: | חזרה | חזרה |

### בחינה הבאה ביום א׳ פרשת בלק

מס׳ עבו״ז: י.-כג: | מס׳ בבא בתרא: עא.-פ:

# קול איחוד טאהש



קולו בקודש מרביה״ק זי״ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט״א
דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאורעות • מודעות • שמחות • אינטערוויו׳ס • ועוד

718.451.8674 | 514.500.8674 | 0.333.015.0715 | 079.704.0074

קלארע און הערליכע שיעורים
בספר תהלים
בחבורת ״לומדי תהלה״
42 פון די מעין מעניו

קלארע און הערליכע שיעורים
במסכת בבא בתרא (ה׳ עמודים)
ובמסכת עבודה זרה (ז׳ עמודים)
בחבורת ״מזון הנפש״
41 פון די מעין מעניו


יו״ל ע״י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש
להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע נא לקרוא להמערכת

P. 718.451.8674
EXT. 8
F. 877 760-0544
11 Van Buren Dr. #305
Monroe N.Y. 10950


די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן מודעות און מזל טוב׳ס פארן גליון, איז:
**מיטוואך 12:00 מיטאג**